שנה ג'
נומער קל"ח
**פרשת ואתחנן**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלאגל



# מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין מחנה היכל הקודש ט"ו באב תשע"א

## מער איבער דעם ליינט אין די נייעס אפטיילונג





סיום מסכת תענית פארגעלערנט דורכ'ן מגיד שיעור הרב אלחנן רוטה שליט"א - דאנערשטאג דברים תשפ"ב

**נייעס:**
שטויענדע מעשה פון תפלה פנעס גאב"ד ירושלים זצ"ל

**בולדער אפטיילונג:**
סיום הש"ס פון הבחור שמואל קלצקין נ"י בני ברק

**נקודות טובות:**
וואס איז די חילוק צווישן א מענטש וואס איז מקורב צו א צדיק אדער מקושר צו א צדיק

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג**
**אברהם משה שטראססער**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**
**שמואל בער שניטצלער**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננשושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידיש שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


# א ווארט
## פון דער רעדאקציע

## חמשה עשר באב

דעם ערב שבת פרשת ואתחנן - שבת נחמו, איז גאר א פריילליכער טאג ביי אידן, ווייל דאס איז דער טאג פון חמשה עשר באב.

חז"ל זאגן (תענית כו:) לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים, עס זענען נישט געווען אזעלכע גוטע טעג ביי אידן ווי חמשה עשר באב און יום כיפור, וואס איז די שמחה פון ט"ו באב? זאגט די גמרא ווייל דעמאלט האט מען צוריק מתיר געווען זיך צו משדך זיין מיט שבט בנימין וואס איז ביז דאן געווען אסור; יום כיפור בעט מען זיך איבער יעדער איד מיטן אייבערשטן, און חמשה עשר באב בעט מען זיך איבער איינער מיטן צווייטן, ווי עס דערקענט זיך דורך דעם וואס מען איז זיך משדך.

אין א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א (יום ב' עקב חמשה עשר באב שנת תשע"ז) שרייבט דער ראש ישיבה די גרויסקייט פון דעם טאג; "יעצט הייבט זיך שוין די הארה פון ראש השנה - פון ט"ו באב ביז ראש השנה איז פערציג טעג, צדיקים פלעגן שוין וואונטשן א כתיבה וחתימה טובה פון ט"ו באב".

אין היכל הקודש איז דער טאג א ספעציעלע טאג, ווייל אין דעם טאג האט מוהרא"ש אונז מגלה געווען די סגולה פאר א שידוך - צו זאגן גאנץ מסכת תענית יעדן טאג פון ט"ו באב ביז ראש השנה, מער באריכות איבער דעם לייינט אין די נייעס אפטיילונג.

# זמנים Liberty

**פרשת ואתחנן ט"ו אב תשפ"ב**

**הדלקת הנרות**.........07:44
**מוצאי שבת**............09:13
**מנחה מערב עקב**....08:50


# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו**
**וזוגתו מרים חי' תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער געזונטערהייט, און זעהן ביי זיי אסאך נחת.



ביטע נישט פארן אויף די ראודס אין שטעטל
מער ווי 20 מייל א שעה עס קען זיך זייער נישט
גוט ענדיגן חס ושלום.
אזוי אויך ווילן מיר בעטן די וואס שפאצירן ביינאכט
אויף די ראודס, ביטע טוט אן א רעפלעקטער, מען קען
אייך נישט באמערקן אן א רעפלעקטער.

SPEED LIMIT 20


# וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 12 | 76°/52° | | Mostly Sunny |
| Sat 13 | 76°/53° | | Partly Cloudy |
| Sun 14 | 79°/57° | | Partly Cloudy |
| Mon 15 | 79°/57° | | Partly Cloudy |
| Tue 16 | 80°/58° | | Partly Cloudy |
| Wed 17 | 78°/57° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 18 | 78°/57° | | Showers |
| Fri 19 | 78°/58° | | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א



בריוו צו די

# רעדאקציע

## דער בלעטל אמאל און היינט

לכבוד די מערכת קרית ברסלב בלעטל, א גרויסן יישר כח פאר די שיינע אויסגאבע. אנהייב ווען די "שטעטל בלעטל" האט אנגעהויבן צו ערשיינען, פלעגט מיר נעמען נישט מער פון פופצן מינוט אדורך צו ליינען דעם גאנצן בלעטל, אביסל א בליק אין די נייעס, אפליינען די מעשיות פון תפילה, און נאך אפאר קלייניקייטן.

איך דאנק דעם אייבערשטן אז היינט צו טאגס איז דער "שטעטל בלעטל" א שיינע אנגעפולטע אויסגאבע, עס איז דא וואס צו ליינען, בפרט די ארטיקלען ביים קאלום "צום פינטל" וואס איז מורא'דיג שיין. ברוך השם עס איז שוין דא וואס צו ליינען.

ס'איז זייער רייך, עס איז אהערגעשטעלט פונקט דאס וואס מען דארף האבן אין די היינטיגע וועלט, אסאך מענטשן היינט האבן נישט קיין געדולד פאר טיפע זאכן, אדער זענען פויל צו ליינען ספרים און קונטרסים, זיי דארפן קאלירטע אויסגאבעס מיט בילדער.

א בילד רעדט מער פון טויזענט ווערטער, אז א מענטש קוקט מיט אמת'ע אויגן אויף די בילדער קען מען פון דעם אליינס נאנט ווערן צום אייבערשטן. למשל, די בילד וואס איז געווען אויפ'ן דעקל ביים יארצייט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, מען זעט דארט ווי דער גאנצער עולם זיצט ביי די יארצייט סעודה, און דער עולם הערט אויס דעם ראש ישיבה שליט"א מיט אזא דרך ארץ, יעדער קוקט און הערט אויס יעדעס ווארט מיט א מורא'דיגע אינטערעסע, דאס אליין קען שוין מקרב זיין א מענטש.

אויך די בילד וואס איר האט געלייגט פון די סיום מסכת פון די קינדער וואס לערנען מיט ר' יעקב לעסער שליט"א, מען זעט ווי די אינגע בחורים'לעך הערן אויס זייער מגיד שיעור מיט א מורא'דיגע חשק און אינטערעס, דאס אלעס איז א געוואלדיגע זאך און קען זיכער אויפטוהן א געוואלד.

**שלום אלי' אינדיג מאנטריאל קאנאדא**

## 'צום פינטל' האט מיר אויפגעוועקט די אפעטיט צו ליינען

איך בין נישט עפעס קיין גרויסער ליינער, אפילו די בריוון פונעם ראש ישיבה אין "עצתו אמונה" איז מיר נישט אנגעקומען גרינג צו ליינען, אבער זייט די בלעטל האט אנגעהויבן מיט די נייע קאלום "צום פינטל" דאס איז געשריבן אזוי ציענדיג און זאפטיג, פול מיט הומאר, האב איך האב באקומען א נייע אפעטיט צו ליינען, עס האט מיך זייער געכאפט.

ברוך השם אז דאס ציעט מיך שוין צו ליינען "עצתו אמונה" און אלע אנדערע גליונות וואס קומען ארויס יעדע וואך אין היכל הקודש.

**מאטי היימליך קרית ברסלב ליבערטי**



## פאררעכטן גראמאטישע טעותים

איך האב זייער הנאה פון די בלעטל איך וויל נאר שרייבן אפאר הערות איבער גראמאטישע טעותים, וואס לפי עניית דעתי דארף פאראכטן ווערן:

איך האלט אז ס'איז נישט ריכטיג צו שרייבן **פארציילט,** די ריכטיגע ווארט צו ניצן איז **דערציילט,** מען קען אמאל ניצן די ווארט **פארציילט** ווי צום ביישפיל ווען מען רעדט אז איינער האט פארציילט א מעשה פאר קינדער וכדומה, אבער געוועגטליך ניצט מען נישט די ווארט **פארציילט.**

איך האב אויך באמערקט אז איר האט זיך אנגעהויבן צו באניצן מיט אזעלכע ווערטער ווי 'קומענדיג' 'גייענדיג' 'זאגענדיג' 'הערענדיג' 'שמועסענדיג'. עס איז גרייזיג אריינגעקומען אין אונזער ליטעראטור, זיך **אנהייבענדיג** פון א געוויסע גליון **ארויסגעבענדיג** הערליך שיין דורך אינגעלייט פון היכל הקודש, וואס ער האט **זעענדיג** די טעות ביי א צווייטע שרייבער וואס יענער וויל אריינברענגען די נייע וועג פון שרייבן, **נישט האבענדיג** קיין טעם און קיין ראם, **גרידזשענדיג** אין אויער יעדעס מאל עקסטער.

די ריכטיגע פלאץ ווי מען קען ניצן דער משפחה פון ווערטער, איז ווען איינער באציט זיך צו איינער וואס האלט אינמיטן גיין און אזוי **גייענדיג** אין גאס האב איך געטראפן מיין חבר, האט זיך געמאכט א שמועס מיט אים, און אזוי **שמועסענדיג** מיט אים קומט צו א צווייטער חבר, פרעגט מיר דער צווייטער עס איז טאקע ממש געווען אזוי די מעשה? **הערענדיג** אזעלכע ווערטער איז ער שאקירט געווארן, **זעענדיג** אין וואספארא מצב ער איז אריינגעפאלן.

א דריטע זאך וואס איך וויל פארעכטן איז די ווארט **לענגאויס,** דאס דארף געניצט ווערן ווען מען באציט זיך צו א מאס פון די לענג פון א פלאץ, ווי למשל באסעס וועלן קורסירן **לענגאויס** בעדפארד עוועניו, ווידער די ווארט **דורכאויס** ניצט מען ווען מען באציעט זיך צו א צייט אפשניט, ווי **דורכאויס** די זומער וועט מען גיין.

תן לחכם ויחכם עוד.

**ש. ב. ק.**

## די צייטונגען פון משיח'ס צייטן

איך בין שוין מקורב צו מוהרא"ש זכותו יגן עלינו כמעט צוואנציג יאר, איך האב זייער אסאך מאל געהערט ווי מוהרא"ש רעדט ביי די שיעורים איבער די שעדליכקייט פון צייטונגען און מאגאזינען. איך דאנק דעם אייבערשטן אז ביי אונז אינדערהיים איז נישט אריינגעקומען קיין שום ליין מאטריאל, נאר מיט א גוטע תוכן וואס איז באשטעטיגט געווארן דורך מיין טאטע אז עס איז כשר און ערליך.

פלעג איך א סאך מאל הערן פון מוהרא"ש ז"ע די ווערטער: "איר ווייסט ווען מען וועט מעגן ליינען צייטונגען? ווען די קעפל, די העדליין פון די נייעס וועט זיין "אידן איבער די וועלט זארגן מער נישט, אלעס וואס מען דארף קען מען בעטן דעם אייבערשטן". די נעקסטע קעפל וועט זיין "אלע אידן איבער די וועלט זענען מעביר סדרה יעדע וואך" און די נייעס וועט זיין אז מען קען לערנען תורה און אנהייבן מעביר סדרה זיין זינטאג ביז שני מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער".

יעצט ווען איך ליין אייער צייטונג זע איך אז די חלום פון מוהרא"ש איז פארווירקליכט געווארן, עס קומט ארויס א וועכנטליכע צייטונג וואס אנשטאט עס זאל שטיין דארט אז רוסלאנד האט געסטראשעט אז זיי גייען חרוב מאכן די וועלט, און כינע זאגט אז דאס איז עס, און די אידישע נייעס איז פול מיט לשון הרע און ליצנות אויף אנדערע אידן, זע איך דא א צייטונג וואס ממש איין נייעס נאכן אנדערן איז נאכאמאל "דער אייבערשטער איז דא, דו קענסט אנהייבן פון יעצט און אזוי ווייטער". גייט אן ווייטער מיט די הייליגע ארבעט

**יצחק א. - קרית יואל**

## א אוצר לאזט מען נישט אויף הפקר

איינענדיג דעם ארטיקל פאריגע וואך "בארויבט א גארביטש טראק" האב איך געטראכט ווי טרעפליך עס קומט אריין די ארטיקל צו די יעצטיגע טעג פון די דריי וואכן, אין די ארטיקל ווערט ארויסגעברענגט אז אויב זעט מען אז דער יצר הרע לאקערט שטארק נאך א מענטש איז א סימן אז עס איז דא גרויסע אוצרות באהאלטן ביי אים, און ער דארף דווקא יא ארויסכאפן גוטע זאכן וואס ער קען.

עס איז זייער "צום פינטל" אין די יעצטיגע טעג פון די בין המצרים, איך האב געליינט אין די וועכענטליכע "גליון היכל הקודש" פרשת בלק ביי די אפטיילונג "מוהרא"ש דערציילט", שטייט דארט מורא'דיגע ווערטער, וואס האט מיך זייער מחזק געווען, עס לוינט זיך צו לערנען דאס גאנצע שטיקל.

בתוך הדברים שטייט דארט: מענטשן מיינען אז די טעג פון בין המצרים זענען עפעס מרה שחורה'דיגע טעג, עס איז פונקט פארקערט, אין די טעג קען מען אסאך גרינגער נאנט ווערן צום אייבערשטן, מען קען אנהייבן פון פריש זיך באנייען, שטייט דארט בזה הלשון "א טייערע אוצר לאזט מען נישט אפן און הפקר, מען נעמט עס ארום און מען פארזיגלט עס מיט אסאך שלעסער, כדי עס זאל נישט אנקומען צו דעם נישט ריכטיגן מענטש וואס דארף עס נישט באקומען, די זעלבע איז יעצט, אזוי ווי די דריי וואכן זענען אזעלכע געהויבענע טעג, טעג וואס פארמאגן אין זיך א געוואלדיגע אוצר וואס מען קען גרינגערהייט ווערן נאנט צום אייבערשטן, דערפאר האט עס דער יצר הרע ארומגענומען מיט אזעלכע שלעסער פון עצבות און מרה שחורה אז עס זאל זיין שווער צוצוקומען דערצו".

איך גלייב אז מיינע שורות וועלן געליינט ווערן נאך די דריי וואכן, אבער עס זענען דא מענטשן וואס יעדע דריי וואכן איז ביי זיי "די דריי וואכן..." און יעדע ניין טעג איז ביי זיי "די ניין טעג..." עס איז אלעמאל תשעה באב, עס איז זיי ביטער און מרה שחורה, דארפן זיי וויסן אז ווי עס זעט אויס איז אלעמאל דא די גרויסע אוצרות וואס מיר זענען זוכה צו האבן אין די דריי וואכן, און דער יצר הרע וויל נישט מען זאל צוקומען צו דעם.

**נ.ג.ר.**

## איבער די אפטיילונגע "א בריוו פונעם ראש ישיבה"

לכבוד חברי המערכת כל אחד בשמו הטוב יבורך.

איך האב נישט קיין ווערטער אייך צו באדאנקען אויף יעדע איינציגע בלעטל פון אייער רייכער צייטונג, איר לייגט מסתם נישט קיין געוויכט, אבער איך וויל מיך באציען צו די קאלום "א בריוו פונעם ראש ישיבה", עס קען אויסזען ווי עס איז איבריג, עס איז דאך דא **ספר עצתו אמונה** אין שאנק, אזוי אויך איז דאך דא יעדע וואך א **קונטרס עצתו אמונה**, אבער עס איז נישט אמת, ווייל ווי נישט ווי קומט ארויס א מורא'דיגע טובה אז איר ברענגט איין בריוו א וואך, עס פרישט אויף, אוודאי די עצתו אמונה ליגט אין שאנק, און אוודאי ליינט יעדער די וועכענטליכע עצתו אמונה, אבער די נאך איין בריוו געבט א ספעציעלע התחזקות.

נישט אלעמאל מוז זיין עפעס א נייע זאך כדי א מענטש זאל באקומען חיזוק דערפון, עס קען זיין אז איינער דארף פונקט יעצט האבן די ווארט וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן פאר פיר פינף יאר צוריק, עס ליגט אים ערגעץ פארשטויבט, און ער זעט עס אין בלעטל געבט עס אים א וועק אויף צום אייבערשטן.

גייט אן מיט אייער הייליגע ארבעט.

**א שטענדיגע ליינער**






## צום פינטל

# דער סוד פון פעטער הערשא'ס עשירות

״טאטי׳ געדענקסט האסט מיר געזאגט אז אויב איך גיי זיין וואויל גייסטו מיר דערציילן זייער א אינטערעסאנטע מעשה ״די סוד פון פעטער הערשא'ס עשירות״.

יא שלמה'לע! היינט ביסטו געווען זייער וואויל, יעדן טאג ביסטו ברוך השם וואויל, אבער היינט ביסטו געווען ספעציעל וואויל, איך גיי דיר דערציילן די מעשה, עס איז זייער א אינטערעסאנטע מעשה.

אונזער פעטער ר' הערש לייב ז"ל, מ'האט אים גערופן פעטער הערשא, אדער הערשא באטשי, ער איז געווען זיידי'ס ברודער, ער איז געווען זייער א גרויסע עושר, יעדער האט אים געקענט, אבער זייער ווייניג מענטשן האבן געוויסט ווי אזוי ער איז געווארן אזוי רייך, עס איז זייער א אינטערעסאנטע מעשה, ווי אזוי ער איז מיט א מורא'דיגע השגחה פרטית געווארן ממש א מיליאנער.

זיידי מיט זיין גאנצע משפחה האבן געוואוינט אין עסטרייך, זיידי איז געווען דער דריטער קינד פון זייער משפחה, איינס נאך אים איז געווען דער פעטער הערש לייב. אין חודש אדר פון יאר תרצ"ח נאך איידער די צווייטע וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן, איז עסטרייך - לויט די אפמאך פון די פעלקער פאראיין - געווארן א חלק פון נאצי-דייטשלאנד.

אונזער זיידע - וואס האט שוין דאן געהאט א שטוב מיט קינדער - אים איז ברוך השם געלונגען צו אנטלויפן קיין אונגארן, דארט האט ער בחסדי השם איבערגעלעבט די קריג מיט אלע זיינע קינדער, זיין יונגערער ברודער הערשא - וואס איז נאך דאן געווען א זיבעצן יעריגער בחור - ער מיט נאך פילע אידן זענען אנטלאפן קיין אמעריקע. ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע אליין אן קיין משפחה, בעירום ובחוסר כל, נאך איידער ער האט זיך איינגעארדענט א דירה, האט ער געמוזט האבן א פלאץ ווי צו ארבעטן. ער האט טאקע אנגענומען די ערשטע ארבעט וואס מ'האט אים אנגעבאטן, ער איז געגאנגען ארבעטן אין א ניטינג פעקטארי, דארט האבן געארבעט אסאך אידן, די ארבעט איז געווען אויפצונייען סוועטער'ס, ער האט דארט געארבעט א גאנצע וואך, עס איז געקומען דער ערשטער שבת, ליידער האבן זייער אסאך אידן נישט געקענט ביישטיין די נסיון, זיי זענען אריין אין דער ארבעט אום שבת קודש, פעטער הערשא איז אויפגעצויגן געווארן אין זייער א ערליכע שטוב, ער האט אפגעמאכט אז ער גייט נישט אריינגיין שבת צו דער ארבעט, אפילו עס זאל מיינען אויסגיין פאר הונגער, שבת ארבעט איך נישט!

נאך שבת איז ער צוריק געקומען צו דער ארבעט, אבער דער בעל הבית פון די פעקטארי האט אים קלארגעשטעלט: דא אין די פעקטארי איז נישט דא קיין מאנקי ביזנעס, דא קען מען נישט פארפעלן שבת פון ארבעטן, ער האט אים געזאגט קלאר: ״קומט איר יעדן טאג ארבעטן איז גוט, אז נישט זוכט אייך א צווייטע ארבעט״.

פעטער הערשא איז געווארן זייער פארצווייפלט, ער האט נישט געוויסט וואס ער גייט דא ווייטער טון, אבער ער האט זיך נישט פארלוירן, ער איז ארויס פון די ניטינג פעקטארי אין



מיט די פאר סענט וואס ער האט פארמאגט, האט ער געקויפט אפאר פעדער'ס, בליי'ען, נעגל שניידער'ס, שערלעך, און נאך קליינקייטן וואס ער האט זיך געקענט ערלויבן צו קויפן פאר די פאר סענט וואס ער האט געהאט. ער האט זיך געזעצט ביי א טישל אין די אידישע מארק, און ער האט אויסגערופן אלע זיינע חפצים וואס ער האט צו פארקויפן, ער איז געווארן א 'פעדלער'. א פעדלער איז איינער וואס פארקויפט שמאנצעס אויפן גאס, אסאך אידן יענע צייטן וואס האבן נישט געוואלט ארבעטן אום שבת זענען געווען פעדלער'ס, אזוי האבן זיי געקענט ארבעטן פאר זיך און נישט דארפן אריינגיין שבת צו דער ארבעט.

אנדערש ווי אנדערע פעדלער'ס האט פעטער הערשא שוין באלד אינעם ערשטן טאג געהאט א געוואלדיגע הצלחה, ער פארקויפט אלע זיינע סחורות וואס ער האט זיך איינגעהאנדלט יענעם טאג, ער האט דערפון פארדינט נאך אפאר סענט, דעם קומענדיגע טאג האט ער ווייטער געקויפט אפאר ביליגע חפצים, און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז וואס ער האט געקויפט איז געגאנגען, און אזוי איז געווען ממש טאג נאך טאג, ער האט געקויפט און וואס ער האט געהאט איז אלעס פארקויפט געווארן.

ער האט נישט אויסגעפאטשעקעט דאס געלט, ער האט אוועקגעלייגט יעדן טאג פרוטה נאך פרוטה, ער איז כסדר אויפגעקומען מיט פרישע אויפטרעפן פון זאכן וואס ער קען פארקויפן און פארדינען נאך אפאר דאלער.

נאך א שטיק צייט איז ער שוין באקאנט געווען מיט די סוחרים ביי וועמען ער פלעגט איינקויפן די סחורה, זיי האבן אים שוין געטראסט, און געגעבן די סחורה אויף בארג, ער האט נישט געדארפט אראפלייגן תיכף דאס געלט, אזוי האט ער געקענט קויפן א גרעסערע קוואנטום אויף איין מאל, דאס האט אים אויך ערמעגליכט צו באקומען די סחורה פאר פיל א ביליגערע פרייז, נאך א קורצע צייט האט ער געדינגען א לאקאל, ווי ער האט געעפענט דארט א קליינע שפילצייג געשעפט.

איין טאג ווען ער איז געקומען איינקויפן סחורה ביי די פעקטארי ווי מען פראדוצירט די שפילצייג, האט זיך איינער פון די שותפים זייער אויסגעגאסן זיין הארץ, אז ער קומט זיך נישט דורך מיט זיין שותף, יעדן טאג ווען ער קומט אריין אין דער ארבעט ברעכט אויס ראבערייען צווישן זיי, דער אנדערער שותף איז א שרעקליכע כעס'ן, און ער קען זיך ממש נישט אויסקומען מיט אים, אזוי שמוסענדיג געבט ער אים א פרעג אויב ער וויל אפקויפן זיין חלק פון די שותפות, ער איז געווען אזוי פארוויטאגט, אז ער האט אפילו מסכים געווען אז הערשא זאל אים צאלן צוביסלעך, ער האט נאר געוואלט פטור ווערן פון זיין שותף. הערשא האט אנגענומען דעם פארשלאג, און ער איז געווארן א שותף אינעם שפילצייג פעקטארי, ער איז געווען גאר א געניטער ביזנעסמאן, ער האט געהאט א גוטע שפראך, ער האט אלעמאל גערעדט שיין און ווייך, אזוי איז ער זיך דורכגעקומען מיט זיין נייער שותף, און מיט אלע ארבעטער.

נישט צו לאנג שפעטער איז דער אנדערער שותף אריין אין א צווייטע ביזנעס, און האט אנגעבאטן הערשא'ן אפצוקויפן זיין חלק אין די ביזנעס, יעצט איז ער שוין געווען דער אויסשליסליכער בעל הבית אויף די גאנצע שפילצייג פעקטארי, ער האט זייער מצליח געווען, די ביזנעס האט געהאלטן אין איין וואקסן, מיט פולע נייע ארבעטער, און נייע פראדוקטן וואס ער האט אנגעהויבן פראדוצירן.

דא איז צוגעקומען א שטארקער פאקטאר, וואס האט געשפילט גאר א באדייטענע ראלע אין זיין שפעטערדיגע עשירות. במשך די מלחמה יארן איז שטארק אפגעשוואכט געווען די שפילצייג אינדוסטריע, ספעציעל פון אייזענע שפילצייג ווי קארעלעך און אנדערע מעטאלענע טוי'ס, דאס האט פאראורזאכט אז ער איז געבליבן שטעקן מיט ריזיגע קוואנטומען פון אייזענווארג פון וואס מען פלעגט ניצן צו פאבריצירן די שפילצייגן, אין יענע יארן האט מען אויך אנגעהויבן אלס מער און מער פראדוצירן שפילצייג פון פלעסטיק, אזוי אז זיין ביזנעס איז אים געגאנגען אביסל בארג אראפ.

איך האב אים גראדע אפאר מאל געפרעגט פארוואס ער האט עס נישט פארקויפט פאר די אמעריקאנער מיליטער, וואס האבן זיך געניוויטיגט אין אלע סארט אייזענווארג במשך די מלחמה יארן, אבער ער האט זיך אלעמאל ארויסגעדרייט, זעט אויס אז די שלעכטע נייעס וואס איז געקומען פון אייראפע אין די יארן פון די קריג, האבן שלעכט געווירקט אויף אים, דאס האט אפגעשוואכט זיין מוט בכלל צו ארבעטן.

ווען דער קריג האט זיך געענדיגט, איז זיידי צוריקגעקומען צו זיין היימשטאט זען ווער עס האט

איבערגעלעבט די שרעקליכע קריג, ער שוין נאר געטראפן פון די גאנצע משפחה איין איינציג מיידל, טאנטע גיטעלע זי איז געווען א טאכטער פון זיין עלטסטע ברודער, בדרך נס איז זי געראטעוועט געווארן, זיידי און באבי האבן האט איר אריינגענומען, זי איז אויפגעוואקסן ביי זיי ווי א אייגן קינד.

א קורצע צייט שפעטער זענען אלע געקומען קיין אמעריקע, זיידי איז איינגעשטאנען ביי זיין ברודער הערשא, דעמאלטס האט זיידי חתונה געמאכט זיין ניכטע גיטעלע צו זיין ברודער, וואס איז אויך געווען איר פעטער, זי האט חתונה געהאט צו איר פעטער הערשא.

א קורצע צייט נאך זיין חתונה איז ער צוריק אריין אין מסחר, יענע צייט האט אויפגעבליעט א נייע אינדוסטריע, מענטשן האבן דעמאלט אנגעהויבן מער און מער זיך צו באניצן מיט קאר'ס, די קאר אינדוסטריע איז געווארן זייער א שטארקע ביזנעס, זיין בינעס האט זייער אויפגעשיינט, ער האט אנגעהויבן צו פארקויפן רויע אייזן מאטריאל פאר אלע גרויסע קאר פראדוצירער, און אזוי ווי ער האט געהאט די ריכטיגע קאנטאקטן פון די פריערדיגע יארן, זענען אסאך ריזיגע קאר פירמעס געקומען קויפן ביי אים די חלקים צו פראדוצירן די קאר'ס.

איך ווייס נישט פונקטליך יעדן טאג ווי אזוי זיין ביזנעס איז געוואקסן, אבער איך געדענק ווען איך פלעג גיין מיט זיידי קיין מאנהעטן באזוכן פעטער הערשא, ער האט נאך דאן געוואוינט אין די איסט סייד, פלעגט ער אונז אלץ ווייזן מיט אזא נקמה געפיל: "דו זעסט די סקווער בלאק? דאס געהער היינט צו מיר! ער פלעגט אלס זאגן: דו זעסט? דא האט זיך אנגעהויבן מיין עשירות!" ער ווייזט מיר: "זעסט דא ווי די בנינים שטייען, דא האבן געארבעט הונדערטער ארבעטער אין די ניטינג פעקטארי'ס", - און ער פירט אויס - "איך האב אויך דא געארבעט, פאר... איין וואך... פון דא האט מען מיך ארויסגעווארפן ווייל איך האב נישט געוואלט ארבעטן שבת. די ווייסט וואסערע גוטע געפיל איך האב געהאט ווען איך בין געזיצן מיט'ן מוכר אפצוקויפן אלע זיינע בנינים, ער האט נישט געוויסט ווער איך בין, אבער איך האב אים דערקענט, זיינע ביזנעסער זענען שוין געווען טיף טיף בארג אראפ, אלע זיינע ביזנעסער האבן באנקראטירט, איך האב אים שטארק געדרוקט די האנט, איך האב מיך זייער באדאנקט פאר אים פאר'ן מיך ארויסווארפן... ער איז געווען שאקירט צו הערן ווי אזוי איך בין געווארן א מיליאנער א דאנק מיין שמירת שבת.

יעדעס מאל מיר זענען געקומען באזוכן דעם פעטער, האט ער נאכאמאל דערציילט מיט שטאלץ די מעשה, ווי אזוי ער איז רייך געווארן אדאנק זיין היטן שבת, איך בין איינמאל ארויס מיט אים פון די קאר, מיר האבן ארומשפאצירט ארום יענעם סקווער בלאק, עס איז שוין נישט געווען קיין זכר פון קיין פעקטארי'ס, אלעס דארט איז דאן שוין געווען וואלקן קראצער'ס, אפיסעס און געביידעס, אזוי ווי מיר האבן אריינשפאצירט אין די לאבי פון איינע פון די געביידעס, זענען אלע דארט געבליבן ווי געפרוירן, יעדער האט זיך איינגענויגט פאר אים מיט אזא יראת הכבוד, נו! ממש ווי די שטייגער איז אין די מדינה פון עשירות...

אבער ער האט געטון אסאך גוטע זאכן מיט זיין געלט, ער האט געגעבן אסאך צדקה, ער האט אויסגעהאלטן אסאך ארומע משפחות.

תש"מ איז געווען אונזער חתונה, ער איז שוין נישט געווען קיין איינגערמאן, אבער ער איז אלעמאל געווען פריש, איך בין געגאנגען מיט מאמי שנה ראשונה אויף וואקאציע, צו זיין הויז - בעסער געזאגט צו זיין פאלאץ - אין פלארידא, ער האט געהאט אפאר הייזער אויף יענע גאס, רוב פון זיי האבן געדינט אלץ א הכנסת אורחים, ער פלעגט ארויסגעבן בחינם זיינע דירות פאר רבי'לך און שיינע אידן וואס האבן געוויילט דארט אין די ווינטער חדשים, נישט געזארגט... זיי זענען דערנאך אוועק געגאנגען פון דארט מיט פולע טאשן.

איך פלעג אסאך אריינגיין צו אים אין אפיס, פלעגט ער מיר אלעמאל ווייזן בילדער פון זיינע הייזער און פראפערטיס, אויך האט ער מיר געוויזן בילדער פון "זיינע" מוסדות, די געניטע פאנד רעיזער'ס האבן גוט געוויסט ווי אזוי עס צו מאכן מיט אים... ער האט ליב געהאט דאס וואס מיר אלע האבן ליב... אבער דאס איז געווען חוץ די מתן בסתר וואס ער פלעגט פארטיילן.

וואס עס איז געווען אינטערעסאנט איז, אז יעדע מאל איך בין געקומען האט ער געהאט נייע פראפערטיס, נייע שטחים, ער האט כסדר געקויפט, אינוועסטירט, ער האט געמוזט האבן פראפערטי'ס אין די גאנצע

וועלט... א קשיא אויף א עושר...

איינמאל זאגט ער מיר מיט א שמייכל: "זאג מיר א לאנד וואס איך האב נישט דארט קיין נכסים", איך האב אים געכאפט, ווייל איך האב אים געזאגט: "איך מיין אז דער פעטער האט נישט אינוועסטירט אין רוסלאנד..." ער האט געלאכט... רוסלאנד איז נאך דאן געווען אונטער קאמוניזם, און אמעריקאנער בירגער האט נישט געקענט טון קיין ביזנעס מיט זיי, אויסער דעם איז עס איז געווען אזוי קאראפטירט, עס איז נישט געווען קיין ביזנעס צו טון מיט זיי...

אבער איך האב אים געזאגט א נאמען פון איינע פון די אראבישע לענדער, איך בין געווען שאקירט ווען ער האט מיר ארויסגענומען בילדער פון אויל פעלדער אין די מדבריות דארט, און מיר געוויזן קאנטראקטן וואס ער האט מיט ריזיגע אויל פירמע'ס מיט וועם ער האט געהאנדלט אינאיינעם.

איך האב מיך אסאך געלערנט פון אים, ער איז אלעמאל געווען פריש, ער האט ליב געהאט צו אינוועסטירן אין יעדע פלאץ, יעדע מין נייע אינדוסטריע וואס איז נאר ארויפגעקומען האט ער געמוזט האבן דארט א חלק.

איך גערדענק ווען ער האט געקויפט אין ארץ ישראל, ער האט זיך געקויפט א הויז אין ירושלים, דעמאלט האט ער מיר געזאגט אז זיין טייערסטע ריעל עסטעיט איז אין אלט שטאט ירושלים, נאך מער ווי אין מאנהעטן, שוין! גיי ווייס צו ס'אמת, אזוי האט מען אים געזאגט...

זעסט שלמה'לע אלעס האט זיך אנגעפאנגען ווייל מען האט אים ארויסגעווארפן פון זיין ארבעט, ווייל ער האט נישט געוואלט מחלל שבת זיין, איך האב דיר שוין אמאל געוויזן די בילדער פון אים? עס איז זייער אינטערעסאנט, איך דארף האבן ערגעץ ליגן די בילדער ווי אזוי ער האט אויסגעקוקט ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע, די קענסט נישט חלומ'ען אז דאס איז ער, אן ארימער גאסן פעדלער מיט צולעכערטע הויזן, אבער מען זעט די פייער אין זיינע אויגן, ווי איינער זאגט: איך גיי מצליח זיין! איך שטעל מיך נישט אפ פאר גארנישט! און אזוי איז טאקע געווען, אין זיינע יונגערע יארן האט מען אים געשאצט אויף עטליכע הונדערט מיליאן דאלער.

עס איז געווען די קראך אין יאר 2008 למספרם, דארט האבן זאכן אנגעהויבן צו גיין אביסל בארג אראפ, ער האט פארלוירן אין די סטאקס, ער האט געמוזט פארקויפן א חלק פון זיינע פאלאצן, אבער נישט געזארגט ער איז נישט געקומען בארגן ביי מיר אויף שבת צו מאכן...

ער האט שפעטער זיך זייער צוריקגעכאפט, ער האט ווייטער אינוועסטירט, ער פלעגט מיר זאגן: "איך האב אלעמאל נאר געצאלט קעש, איך האב קיינמאל נישט ארויסגענומען קיין מארגעדזש אויף סיי וואס איך האב געקויפט".

הערסט?! ער איז שוין געווען איבער די אכציג, און ער איז יעדן טאג אריין אין אפיס ווי א אינגערמאן, ער האט כסדר אינוועסטירט, די קאפ איז אים געווען אפען, ער האט געהאט די קאפ אויפן פלאץ, ער האט געוויסט וואו צו אינוועסטירן, און אין וועלכע צייט צו אינוועסטירן.

אמת אז ס'איז א אינטערעסאנטע מעשה? אבער דער עיקר האב איך דיר נאכנישט געזאגט, איין טאג איז ער אריינגעקומען אין אפיס ווי א געוועונטליכע טאג, און אינמיטן דער ארבעט איז ער צאמגעפאלן, הצלה איז געקומען, ער איז געווען אפאר טעג אין שפיטאל, איך בין אים געגאנגען באזוכן, די קאפ האט אים געארבעט, ער האט מיר דערציילט אסאך אינטערעסאנטע זאכן, אבער ער איז געווען זייער שוואך, אזוי איז געווען אפאר טעג, ביז אין שיינעם טאג איז ער נפטר געווארן...!

דא האט זיך די מעשה געענדיגט! אינטערעסאנט! ניין?

***

טאטי און וואס איז געווען נאכדעם?

נאכדעם איז געווען א לויה!

און נאכדעם?

האט מען אים באגראבן!

אבער טאטי! וואס איז געווען נאכדעם? וואס האט מען געטון מיט אלע זיינע פראפערטי'ס, מיט אלע זיינע בענק אקאונטס, מיט אלע זיינע געלטער?

**נאכדעם האט ער גארנישט מיטגענומען!**

טאטי ער האט גארנישט גארנישט מיטגענומען? ביסט זיכער? ביסט געווען ביי זיין לויה?

יא שעפעלע! איך בין געגאנגען אים באגלייטן ביז די בית החיים, איך האב געזען ווי מען לייגט אריין די ארון אין

דער ערד!

אבער אפשר האט ער געהאט אריינגעלייגט ערגעץ א שטיק געלד, וואס מען האט אים מיטגעלייגט אין קבר?

ניין שפעלע! ער האט מיטגענומען א גרויסע ווייסע ליילעך, עס הייסט אויף לשון הקודש תכריכים, און אויף דעם א טלית, דאס האב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן!

אבער טאטי, די מעשה איז טאקע זייער זייער אינטערעסאנט! אבער עס איז אויך זייער זייער טרויעריג...! פארוואס האט ער געארבעט אזוי שווער אלע זיינע יארן? אז ער האט אלעס איבערגעלאזט דא?

ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן שלמה'לע, ער האט יא מיטגענומען, טאקע נישט קיין בנינים, אבער ער האט מיטגענומען זיין **מסירת נפש פאר שבת**, ווייסט וואס נאך ער האט מיטגענומען? ער פלעגט יעדן טאג גיין אין שול דאווענען **שחרית**, אויך **מנחה**, אויך **מעריב**! ווייסט וואס נאך? ער האט יעדן טאג געליינט **קריאת שמע** פאר ער איז געגאנגען שלאפן! אויך האט ער געליינט קריאת שמע יעדן אינדערפרי, ער האט עס מיטגענומען... ווייסט וואס נאך? ער האט זיך אפגעגאסן **נעגל וואסער** יעדן טאג, ווילסט צוזאמען אויסרעכענען וויפיל מצוות ער האט מיטגענומען פון נעגל וואסער אליין?

האסט נישט קיין כח? אקעי! אפשר וועלן די ברסלב'ע אידן וואס ליינען "צום פינטל" האבן כח עס אויסצורעכענען... פינעף און אכציג (בערך אזויפיל יאר האט ער געלעבט) מאל דריי הונדערט פינעף און זעכציג... אפשר מען קען צוליגן א נייע קאלום אינעם שטעטל בלעטל... אפשר וועט מען מאכן א גורל ווער עס ווייסט וויפיל מצוות עס קומט אויס...

שלמה'לע איך וויל ענדיגן, אבער זיי זאגן אז איך האב נישט געשריבן קיין ניגון די וואך, מען קען ענדיגן די ארטיקל אן א ניגון? אוה! ווייסט וועלכע ניגון מען קען דא אריינפלעכטן?! תורה... תורה מיט א ניגון... ניין נישט די ניגון... **תורה, תורה תשובה תפילה, און אביסעלע צדקה, שבת, פסח שבועות סוכות, ד' מינים און געגעסן מצה. א קאפל, א קאפל און א גארטל, און צוויי שיינע פיאות. תהלים, חומש און גמרא, און אביסעלע משניות...**

ביסט גערעכט! די חלק איז טרויעריג, ער האט שווער ביטער געארבעט און אלעס איבערגעלאזט, פון די געלט האט ער **גא-א-א-ארנישט** מיטגענומען, אלע זיינע ריזיגע פאלאצן זענען געבליבן דא. איך האב געוויינט ווען איך בין אריין אין זיין אפיס נאך ער איז נפטר געווארן, האב איך געזען אויף זיין טיש ליגן פאפירן, ער האט געהאלטן אינמיטן סיינען קאנטראקט אפצוקויפן נייע שטחים אין די מאונטענס, די דאקומענטן זענען נאך געליגן אויף זיין דעסק אין אפיס, מיט זיין טייערע פעדער, מיט זיינע ברילן דערויף... אבער איך האב מיך געפרייט צו זען אין די זייט א קליינע משניות, אין בעק איז געשטאנען א שיינע פאר מאל "סיימתי", זעט אויס ער האט יא אויסגעהערט די שיעורים... נו! האט ער שוין איינמאל אריינגעכאפט...!

וואס ער האט אינצווישן אריינגעכאפט, דאס האט ער מיטגענומען, און יעצט איז ער רייך... יעצט איז ער רייך... איך זע אז דו פארשטייסט נאך אלס נישט די סוד פון פעטער הערשא'ס עשירות, דאס איז די סוד פון פעטער הערשא'ס רייכקייט! עס איז א סוד, און אפילו דו וועסט עס אויסשרייען בלייבט עס א סוד! יעדער מיינט אז ער איז געווען רייך ווען ער האט געלעבט, אבער דער אמת איז אז יעצט איז ער רייך... יעצט איז ער רייך, מיט מצות אסאך. די מצות וואס מען טוט, איז דארטן גוט, יעדע קליינע זאך, טוט אויף אסאך, טוט אויף אסאך, טוט אויף אסאך, אין גן עדן קומט ער אן גלייך.

***

אבער דער עיקר האב איך פארגעסן דער פעטער איז געווען אין אומאן ראש השנה, צוויי מאל זיכער, אפשר נאך מער, נו! איז ער דאך טאקע רייך! וואס זאגסטו אז ער האט נישט אינוועסטירט אין רוסלאנד? פיין אינוועסטירט...! אה! נישט רוסלאנד... אוקריינא... איך הער. שוין מען פארט דאך שוין באלד אויף אומאן, א קליין תחינה אפשר? צוזאמען בעטן? "הייליגער באשעפער העלף, איך זאל זיין מיט אלע אידן און אומאן ראש השנה, געב אונז א רואיגע פרייליכע וועג צום הייליגן רבי'ן, געב אונז א זיסע ראש השנה, און א רואיגע גוטע וועג צוריק, ריזיגע פעק און זעק מיט ישועות".

אויסער דעם וואס איז נייעס? גארנישט ספעציעל! איך ווייס?! פעלויסי איז געווען אין טייוואן... טאקע? אין טייוואן? נישט נעבן טייוואן? ניין אין טייוואן! טאקע? וואס זוכט זי אין טייוואן? איך ווייס?! מען זאגט אז זי איז געגאנגען דארט זאגן עפעס א ט'כינע... אנדערע זאגן גאר אז זי איז געגאנגען האקן א טשיינע'קען זיין...!? אזוי? וואס האסטו נישט באלד געזאגט...?!

ניין עפעס נארמאלע נייעס האסטו נישט? אה! ווייסט וואס עס איז געשען?? האסט גארנישט געהערט? טאקע נישט? ניין! וואס עס איז געשען? פרעגסט: וואס איז געשען? **אומאן ראש השנה תשפ"ג איז געשען!!**

היכל הקודש

# נייעס

אמעריקא

## מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין קעמפ חמשה עשר באב שנת תשע"א



היינט ערב שבת קודש ואתחנן - שבת נחמו - חמשה עשר באב, איז גאר א פריילעכע טאג, אסאך געדענקען נאך ווי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו איז געקומען אין קעמפ חמשה עשר באב שנת תשע"א און געזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט זאגן פון ט"ו באב פאר פערציג טעג יעדן טאג גאנץ מסכת תענית וועט א חתן ווערן. מער האט נישט אויסגעפעלט; די בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו, ס'איז שוין נישט געווען צו וועם צו רעדן, אלע זענען געזיצן אפאר שעה און מסיים געווען יעדן איינציגן טאג דעם גאנצן מסכתא, אפילו ווען ס'איז געקומען די די באקאנטע האריקעין איירין אינמיטן זומער, און מען האט געדארפט אנטלויפן פון קעמפ, האט מען אבער איין זאך מיטגענומען איבעראל, דאס איז געווען די גמרא מסכת תענית, און דאס איז טאקע א סגולה וואס גייט נאך אן ביזן היינטיגן טאג.

ס'איז אינטערעסאנט אראפצוברענגען א שטיקל בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן איבער דעם אין יאר תשע"ח.

*"געווען איז דאס זומער שנת תשע"א, מיר זענען געווען אין קעמפ "מחנה תפארת התורה ברסלב" - עלענוויל ניו יארק, די דריטע יאר פון ווען איך האב געעפענט די ישיבה. דעמאלט איז נישט געווען קיין איין חתן אין ישיבה, ווייל מען האט זייער מבזה געווען די ישיבה, און מען האט ארויסגעלאזט א שלעכטע נאמען אויף מיר און אויף די ישיבה וכו', וואס דאס האט געברענגט אז מענטשן האבן מורא געהאט צו נעמען א בחור פון ישיבה פאר אן איידעם. יעדעס מאל מען האט אנגעטראגן א שידוך פאר איינעם, און יענער האט געהערט אז דער בחור לערנט אין ברסלב, האט יענער גלייך אראפגעהאקט דעם טעלעפאן.*

*איך פלעג כסדר פרעגן פון מוהרא"ש: "וואס וועט דא זיין, קיינער וויל נישט נעמען קיין בחור פון ישיבה?!" און מוהרא"ש פלעגט מיר ענטפערן: "וועסט נאך זען, עס וועט קומען א צייט, וואס די מיידליך וועלן נאר וועלן בחורים פון דיין ישיבה", דעמאלט האט דאס אויסגעקוקט ווי מוהרא"ש וויל מיר סך הכל מחזק זיין וכו', ווייל במציאות, אז עס זאל טאקע אזוי זיין האט מען דעמאלט נישט געקענט טראכטן, אבער היינט צו טאגס זעט מען וואס הייסט א ברכה פון א צדיק; צענדליגער שידוכים זענען געווארן נאר ווייל די מיידלעך האבן זיך איינג'עקשנ'ט אז זיי ווילן נאר א בחור פון ישיבה, ווייל זיי הערן די דרשות פון ישיבה, און זיי הערן ווי אזוי די בחורים וואקסן אויף מיט מידות טובות, מיט שכל, וואס מען הערט נישט אין אנדערע פלעצער וכו'.*

*איך האב דעמאלט געשריבן בריוון פאר מוהרא"ש זכרונו לברכה אז די בחורים וויינען צו מיר, זיי ווילן חתונה האבן וכו', און מוהרא"ש האט מיר געשריבן אז ער גייט קומען חמשה עשר באב אין קעמפ מאכן א סעודה, און ער גייט ברענגען שידוכים. אזוי איז געווען, מוהרא"ש איז געקומען אין קעמפ, און מען האט געמאכט א סעודה לכבוד חמשה עשר באב, ביי די דרשה האט מוהרא"ש געזאגט אזוי: "איך זאג צו פאר אלע בחורים וואס זענען זיבעצן יאר און העכער, יעדער בחור וואס וועט יעדן טאג לערנען גאנץ מסכת תענית - פון ט"ו אב ביז ראש השנה, זאג איך צו אז ער וועט טרעפן זיין שידוך גלייך נאך ראש השנה"; וואס זאל איך דיר זאגן, כאשר אמר כן היה, עס האט זיך גלייך אנגעפאנגען שידוכים איינס נאכן צווייטן, און אלע זענען חתנים געווארן און חתונה געהאט, און זיי האבן א שיינע לעבן.*

*עס זענען געווען אפאר בחורים וואס האבן נישט געטראפן זייער שידוך גלייך דעמאלט, אין אנהייב האבן זיי געהאט קשיות - וואס הייסט? וואו איז מיין שידוך? איך האב דאך געזאגט מסכת תענית פערציג מאל? למעשה, שפעטער ווען זיי האבן געטראפן זייער שידוך, האבן זיי געזען אז זייער כלה איז נאך געווען יונג".*

**לא הי' ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב**

קרית ברסלב

## בית פיגא גרייט זיך מיט א פרישע דראמאטישע שפיל



אין די יעצטיגע טעג האט זיך שוין אנגעהויבן די צוגרייטונגען אין די העכערע קלאסן פון "בית פיגא" צום מעידזשאר פלעי וואס גייט בעז"ה פארקומען אין די קומענדיגע וואכן.

אזוי ווי די פארגאנגענע יארן וועט אויך היי יאר געשפילט ווערן דורך די מיידלעך די תלמידות פון בית פיגא מיטן אייבערשטנ'ס הילף א פרישע העכסט פראפעסיאנאלע און דראמאטישע שפיל, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, וועט עס נאך זיין אסאך שענער, און בעסער ווי די פריערדיגע.

די פראדוצירער לייגן אריין אומגעהויערע כוחות ארויסצוברענגען פון די חשובע תלמידות זייערע בעסטע טאלאנטן, און דער פלעי אנטשפרעכט צו האלטן די אוידענץ געשפאנט מיט אפענע מיילער פאר עטליכע שעה, און וועט איבערלאזן ביי זיי א רושם אויף גאר א לאנגע צייט. בפרט, וועט עס אינספירירן די פרויען און מיידלעך וואס וועלן עס מיטהאלטן מיט חיזוק און שמחת המצוות וואס זיי וועלן מיטנעמען מיט זיך אהיים, און וועט זיי געבן פרישע כוחות און מוט אנצוגיין מיטן לעבן.

אין די פריערדיגע יארן איז דער שפיל געווען דער געשפרעך פון טאג פאר א לאנגע צייט ביי די פרויען, די שפיל "דער בערגער און דער ארימאן" איז ארויסגעקומען שפעטער און איז פארקויפט געווארן אויף די אידישע מארקעט, און איז געווארן פון די בעסטע פארקויפטע פלעיס, און ביז יעצט ווערט נאך פארקויפט טויזנטער שטיק דערפון. ווי מען הערט צוריק פון די קאסטומערס וואס האבן עס געקויפט, האט דער שפיל איבערגעלאזט א געוואלדיגע רושם אויף די צוהערער.איינער האט געשריבן: "איך האב שוין געזען אסאך פלעיס, און אפילו מער פראפעשאנעל, אבער וואס די פלעי' האט געמאכט מיט מיר האב נאך קיינמאל געהאט, נאכן זען די פלעי', בין איך אריין אין מיין צימער, און פשוט אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן ווי מען רעדט צו א חבר'טע - צום ערשטן מאל אין מיין לעבן!! א גרויסן דאנק בית פיגא סקול פאר די פלעי'!"

ווי געזאגט אנטשפרעכט דער פלעי' בעזר השם צו זיין אסאך בעסער, שענער און דראמאטישער פון די פריערדיגע, דער יעצטיגער שפיל וועט ווי די פריערדיגע אויך זיין געבויעט אויף איינע פון די מעשיות פון סיפורי' מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, וואס איז פול מיט חיזוק, מוסר און יראת שמים.

ווארטס מיט שפאנונג אויף א קומענדיגע מעלדונג ווי' מען וועט בעזרת השם לאזן וויסן אלע פרטים פונעם שפיל, דער נאמען פונעם שפיל, די טעג ווען עס וועט געשפילט ווערן, און וואו מען וועט קענען קויפן טיקעטס.

ירושלים

## גאב"ד ירושלים זצוק"ל טענה'ט זיך אויס מיט'ן אייבערשטן




און אינטערעסאנטער עפיזאד ווערט באקאנט אין די טעג. א איד איז לא עלינו דיאגנאזירט געווארן מיט די שווערע מחלה, און איז דורכגעגאנגען די שווערע קימאו טעראפי'

<<<<

באהאנדלונגען ביי א באריכמטער דאקטער, דער דאקטער איז געווען דער זעלבער וואס האט באהאנדלט דעם גרויסן גאון דער ירושלימער רב, רבי יצחק טוביה ווייס זצ"ל וואס מיר שטייען נאך יעצט אין די טעג פון די שבעה פון זיין פטירה לחיי העולם הבא פארגאנגענעם שבת קודש.

דער איד פארציילט אז נאכן דורכגיין א שטיק צייט די באהאנדלונגען, און ווי די סדר איז אז די רפואות פאר די ביטערע מחלה האבן דעם "סייד אפעקט" אז די האר פאלט ארויס, האבן זיינע האר אנגעהויבן ארויספאלן, וואס איז זייער א נישט געשמאקע זאך, ארומצוגיין אן קיין האר. האט ער געפרעגט דעם דאקטער, "וויאזוי קען זיין אז איך גיי דורך די זעלבע באהאנדלונג ווי דער ירושלימער רב רבי יצחק טוביה, און זיינע האר פאלן נישט ארויס? וואס בין איך אנדערש?!" האט אים דער דאקטער געזאגט, אז איך האב מיך אויך זייער געוואונדערט אויף דעם, און איך האב עס טאקע געפרעגט דעם רב אליינס, "וואס איז פשט אז דעם רב'ס האר האלט זיך אזוי שוין, אין די צייט וואס איך בין געוואוינט ביי מיינע אנדערע פאציענטן אז די האר פאלט ארויס נאכן דורכגיין די אלע באהאנדלונגען?" און ווייסט וואס דער רב האט מיר געענטפערט - פארציילט דער דאקטער: "איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, איך האב געזאגט פארן באשעפער אז אזוי ווי איך דין אלס רב פון ירושלים, העלף מיר איך זאל בלייבן מיט מיין אידישע צורה, און קוק, דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן".

מיר אלע וועלן זיך אפלערנען פונעם הייליגן גאון וצדיק דער ירושלימער רב זצ"ל און גיין אין זיינע וועגן, און מיט א תמימות זיך אויסטענה'ן מיטן אייבערשטן, און אים בעטן סיי וואס מיר דארפן. און דער אייבערשטער[1] דער שומע תפלת כל פה וועט אונז זיכער אויסהערן און העלפן מיט אלעם וואס מיר דארפן

קרית יואל

## קינדער פון חדר פארן מתפלל זיין ביי קברי צדיקים אין מאנסי

א צייט צוריק אין אן ערב ראש חודש זענען די קינדער געפארן קיין מאנסי צום ציון פון הייליגן ריבניצער רבי זי"ע.

אנקומענדיג צום ציון זענען די קינדער גלייך צוגעגאנגען צום הייליגן ציון, מ'דארף קיינעם נישט מסביר זיין, קינדער ווי וואויל און דרך ארצ'דיג זיי זאלן זיין, זענען זיי נאכאלץ קינדער, און געזונטע קינדער זענען נישט פארשלאפן, נאר האבן אסאך ענערגיע וואס זיי דארפן ארויסגעבן.

דארט ביים ציון איז געזיצן א איד וואס האט נישט געקענט פארנעמען די געפילדער פון די קינדער, ער האט זעט אויס געדארפט אביסל שטילקייט, און האט זיך כסדר געבייזערט און געטיילט פסקים צו די קינדער "גייטס נישט דא", "זייטס שטיל", "גייטס אריין", "גייטס ארויס", און וואס די קינדער האבן נאר נישט געטון איז ער נישט געווען צופרידן.

אויפן וועג אהיים האבן די טייערע מלמדים געשמועסט מיט די קינדער, "פארוואס איז דער מענטש אזוי גערעגט? פארוואס שרייט ער א גאנצן צייט"? האבן זיי געוואלט פארשטיין, די מלמדים האבן שיין ערקלערט פאר די תמימות'דיגע קינדער, אז ווי עס זעט אויס איז ער זייער צובראכן, און דערפאר זעט אויס איז ער דא געקומען מתפלל זיין, און לאמיר טאקע אינאיינעם מתפלל זיין פאר דעם איד אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס ער דארף, און קומענדיגע מאל זאל מען אים שוין טרעפן פרייליך.

אזוי האבן די קינדער טאקע געטון, און די קינדער אינאיינעם מיט די מלמדים האבן ערליך געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף דעם איד, און ער זאל שוין געהאלפן ווערן.

קומענדיגע מאל ערב ראש חודש ווען מען איז ווידער געפארן קיין מאנסי צו די ציונים פון די צדיקים, האבן זיך די קינדער אויפן וועג דערמאנט פונעם עפיזאד פאריגע חודש, און עס איז געווען א שטיקל "דעבאטע" צווישן זיי אויף וואס מען דארף מתפלל זיין, א טייל האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל אים נאכאמאל טרעפן אבער פריילעכערהייט, און אנדערע האבן מתפלל געווען אז ער זאל נישט דארט זיין.

ווי ערשטוינט זענען די קינדער געווען, ווען זיי זענען אנגעקומען דאס מאל, האבן זיי געטראפן דעם זעלבן איד, אבער דאס מאל האט ער געהאט א גרויסע שמייכל אויפן פנים, ער האט אויפגענומען די קינדער גוטמוטיג, און זיי געפרעגט וואס זיי מאכן, און זיי געמאכט שפירן גוט.

די קינדער זענען אויך געווען זייער פרייליך אים צו זען אין א גוטע מוד. אזוי האבן זיי דארט פארברענגט מיט זאגן קאפיטלעך תהלים און האבן מתפלל געווען צום אייבערשטן יעדער איינער וואס זיי דארפן.

ווען מען איז אהיים געפארן האבן די קינדער פריילעכערהייט געזאגט פאר די מלמדים אז זיי זענען זיכער אז זייערע תפילות זענען אויסגעהערט געווארן, און דער אייבערשטער האט געשיקט פאר דעם איד די ישועה וואס ער האט געדארפט, און זיי זענען זייער צופרידן צו זען ווי דער איד איז שוין יעצט פרייליך.

אזוי וואקסן די טייערע קינדער אויף מיט תפילה און אמונה אינעם אייבערשטן אויף טריט און שריט.



# „מעשיות פון תפילה"

## העניך אינדיג - קרית ברסלב:

א לאנגע צייט צוריק האב איך באקומען א שווערן טיקעט, איך האב עס באלד געגעבן פאר א לויער צו מסדר זיין אבער ווי עס שיינט איז ער געווארן פארנומען מיט וויכטיגערע זאכן און ער האט קיינמאל נישט מסדר געווען מיין טיקעט.

נישט לאנג צוריק באקום איך א בריוו וואס זאגט אז וויבאלד מען האט נישט מסדר געווען דעם טיקעט אין צייט וועט די שטראף זיין אסאך ערגער און מיט א שיינעם געלט שטראף. איך האב זיך נישט פארלוירן נאר געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אפקומען נאר מיט ווייניג געלט און אן קיין איבעריגע שטראפן, שכח אייבערשטער אז איך האב אנגעטראפן דעם ריכטיגן שליח וואס האט מיר מסדר געווען דעם טיקעט פאר א פארקינג טיקעט און פאר ממש א קליינעם געלט שטראף.

## אברהם פרידריך - וויליאמסבורג:

ביי איינע פון מיינע דשאבס וואס איך האב געטון אין די לעצטע פאר וואכן האט דער קאסטומער זיך פאר'עקשן'ט אז ער וויל דווקא עפעס א סארט האלץ וואס איך בין נישט באקאנט דערמיט, איך האב אנגערופן אלע לאמבערס וואס איך קען און זיך נאכגעפרעגט איבער דעם האלץ אבער קיינער האט נישט געוואוסט צו זאגן דערוועגן, און אפילו די וואס האבן יא עפעס געוואוסט האבן עס אויך נישט געהאט.

די צייט איז געווארן ווייניגער און ווייניגער צו דעם זמן וואס איך האב געדארפט ענדיגן די דשאב און איך האב נאך אלס נישט געהאט קיין שפיר פון דעם האלץ. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, איך דארף האבן דעם האלץ אבער איך האב נישט די מינדעסטע אנונג וואו איך קען עס טרעפן, העלף מיר איך זאל האבן דעם האלץ אויף מארגן".

איך פאר אהיים פון די ארבעט וואס איז געווען אין אן אומבאקאנטן געגנט, און איך פאלג דעם GPS, אבער אינמיטן וועג האב איך זיך בטעות אריינגעדרייט און א גאס וואס איך האב נישט געדארפט, על כל פנים אזוי האב איך געמיינט, איך געב זיך א קוק ארום זע איך דארט א לאמבער פונקט אויף יענעם גאס, איך גיי אריין און איך פרעג זיי צו זיי האבן אפשר דעם האלץ וואס איך זוך שוין פאר א לאנגע צייט, זאגן זיי מיר אז יא זיי האבן עס, נישט מער ווי אפאר מינוט האט גענומען ביז איך האב געהאט דעם האלץ אין קאר און געקענט ווייטער פארן גרייט מיט דעם האלץ עס צו קענען אינסטאלירן דעם קומענדיגן טאג. שכח אייבערשטער!

## שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל, קאנאדא:

איך בין געווען אין קאנטרי' וואס איז צוויי שעה אוועק פון יעדע באוואוינטע געגנט. ווען איך האב זיך געוואלט ארויסלאזן אויפ'ן וועג אהיים, בין איך אריין אין קאר און פרובירט צו אנצונדן די קאר אבער די קאר האט זיך נישט אנגעצונדן, איך פרוביר אהער און אהין אבער גארנישט, די קאר צונדט זיך נישט אן.

בין איך געגאנגען אין א ווינקל און אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, איך דארף אהיימפארן אבער מיין קאר צונדט זיך נישט אן העלף מיר ס'זאל שנעל אנהייבן צו ארבעטן און איך זאל נישט דארפןווארטן ביז הילף וועט קומען פון שטאט".

ווי נאר איך האב געענדיגט מיט מיינע תפילות פרוביר איך נאכאמאל צו אנצונדן, און ווינדער איבער ווינדער, די קאר האט זיך אנגעצינדן ווי גארנישט וואלט געווען. שכח אייבערשטער.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

### פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד זַלְמָן נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין אִין אוּמַאן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגְן יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; בִּיז אוּמַאן הָאבְּן מִיר נָאךְ אַסַאךְ צַייט. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט **יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן** אַז דוּ ווִילְסְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, קֶענְסְטוּ נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין דָאס יָאר אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים וֶועסְטוּ הֶערְן ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי עֶר אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען זַיינֶע מְנִיעוֹת. דִי אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער פוּן זֵיי הָאט זַיינֶע מְנִיעוֹת וָואס עֶר דַארְף דוּרְכְגֵיין בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין אוּמַאן; **קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן בַּאקְוֶועם**, נָאר אַלֶע וָואס קוּמֶען גֵייעְן אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע מְנִיעוֹת בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אַז מֶען מַאכְט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַ גַאנְץ יָאר אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ, אַזוֹי ווִי דִי בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן שֵׁנִי לַמַּלְכוּת (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א מְאַבֵּידַת בַּת מֶלֶךְ) וֶוען עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי פְּלַאץ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע?" הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דָא נָאר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ דוּ וֶועסְט דָארְט זִיצְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן אוּן וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דָא"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת. אַז מֶען בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, **זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ!** מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֶערְט צוּ דִי תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט אִים, בֶּעט יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר מְתַקֵּן זַיין; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וֶועם אִיךְ קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין דוּרְכְן יָאר, אָבֶּער אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען צוּ זַיין תִּיקוּן". הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֵׂכֶל רַחֲמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיף מִיר אַלֵיינְס; אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹי פִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב, יט): "**כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים**", אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס זָאגְט צוּ אַז עֶר קֶען יָא מְתַקֵּן זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ: "תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ, תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ", אָמֵן.**

# א שיחה

### פון דער ראש ישיבה שליט"א



## נָאכְגֵיין אַ עֶרְלִיכְן אִיד (חֵלֶק ב')

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דִי וָואךְ גֶערוּפְן אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶס הָאט אִים גֶעדוֹיעֶרְט צְוֵויי טֶעג זִיךְ פָּשׁוּט קֶענֶען צוּזַאמְקְלוֹיבְּן מִיר צוּ רוּפְן זַייעֶנְדִיג אִינְגַאנְצְן צֶעשׁוֹידֶערְט, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר, עֶר אִיז אַ בֶּן יָחִיד צוּ זַיין טַאטֶע, זַיין טַאטֶע הָאט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן זַיין נֵייעֶ וַוייבּ הָאט מִיט גֶעבְּרֶענְגְט קִינְדֶער, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעלַיידְנְט עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אַ חֲתוּנָה פוּן אֵיינֶע פוּן זַיין וַוייבְּ'ס קִינְדֶער, אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען בַּיי דִי חֲתוּנָה אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ, מֶען הָאט גֶערוּפְן פָּאלִיצֵיי, שׁוֹמְרִים אוּן הַצָּלָה, פוּן וָואס אִיז בַּאשְׁטַאנֶען דָאס קְרִיגֶערֵיי? אִיבֶּער וֶוער עֶס זָאל 'אוּנְטֶערְפִירְן' דֶעם חָתָן, וֶוער עֶס אִיז דֶער 'צַד הֶחָתָן'...

בֵּיידֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גָארְטְן וֶוערְט מֶען פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט בִּיז מֶען קוּמְט פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ טְרַאכְטְן מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת: 'וָואס אִיז אַ חִילוּק וֶוער וֶועט אוּנְטֶערְפִירְן?' דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן אוּנְטֶערְפִירְן בַּיי אַ חוּפָּה אִיז נִישְׁט קַיין הֲלָכָה, בֵּיידֶע מִשְׁפָּחוֹת 'מֶעגְן' אוּנְטֶערְפִירְן אוּן קֵיינֶער 'דַארְף' נִישְׁט אוּנְטֶערְפִירְן, מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דֶער עִיקָר, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא חֲתוּנָה, אַ חָתָן אוּן אַ כַּלָּה... יֶעדֶער אִיז פַארְנוּמֶען נָאר מִיט זִיךְ, 'אִיךְ', 'אִיךְ' אוּן 'אִיךְ'..

דָאס אִיז דֶער וֶועלְט, דֶער גָארְטְן וואוּ מֶען יָאגְט, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אֵיינֶעם מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, מַאן אוּן וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם, וֶוערְט רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי קִינְדֶער אִין דִי מַחֲלֹקֶה אַלְס אַ צִיל בְּרֶעט, דֶער טַאטֶע זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן טוּן אַזוֹי, פָאלְג נִישְׁט מַאמִי, טוּ ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן", אוּן דִי מַאמֶע שְׁרֵייט פַארְקֶערְט: "טוּ ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן", אַזוֹי וֶוערְן אַזֶעלְכֶע יוּנְגֶע נְשָׁמוֹת צֶערִיסְן צְווִישְׁן טַאטֶע מַאמֶע, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז טַאטֶע מַאמֶע ווִילְן נָאךְ דָאס בִּיסְל כָּבוֹד וֶועלְן זֵיי זִיךְ אַרוֹיס שְׁטֶעלְן פַאר אַנְדֶערֶע ווִי זֵיי לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם... אָבֶּער עֶס אִיז דָא דֶערוֹיף דֶער עֵצָה פוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער צַדִּיק, וָואס דַאן יָאגְט מֶען מֶער נִישְׁט, דַאן קֶען מֶען דוּרְכְגֵיין דֶעם גָארְטְן אוּן הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוֹיף דִי וֶועלְט.



# א מעשה פון א צדי'ק

## ווילְסְט טַאקֶע שְׁטֵייגְן אִין לֶערְנֶען?

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ אוֹיפְן הֵיילִיגְן קוֹל אַרְיֵה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז עֶר גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט, זַיין וַוייבּ הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט עֶר זָאל לֶערְנֶען.

אֵיינְמָאל גֵייט זִי דוּרְךְ דִי פֶענְסְטֶער פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן זִי זֶעהְט אַז אִיר מַאן רֶעדְט מִיט אַ קוּפְּקֶע אִינְגֶעלַייט, אוּן דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, עֶס הָאט אִיר זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּהְן: אִיךְ זָארְג זִיךְ אוֹיף פַּרְנָסָה נָאר כְּדֵי עֶר זָאל זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן בִּיזְדֶערְוַוייל שְׁמוּעֶסְט עֶר מִיט אִינְגֶעלַייט! וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט זִי אִים פָּארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף, זָאגְט עֶר: אִיךְ הָאבּ מִיר אַבִּיסְל אָפְּגֶערוּהְט הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. זָאגְט זִי אִים: טוּה מִיר אַ טוֹבָה! פוּן הַיינְט אָן דֶערְצֵייל מֶער נִישְׁט קַיין מַעֲשִׂיוֹת פַאר אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט, נָאר זִיץ אוּן לֶערְן אַזוֹי פְלַייסִיג אַז מֶען זָאל נָאכְדֶעם הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן דִיר מַעֲשִׂיוֹת! דִי וֶוערְטֶער אִיז אִים אַרַיין אַזוֹי אִין דִי בֵּיינֶער, אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג אוּן עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען דֶער גְרוֹיסֶער 'קוֹל אַרְיֵה' (הוּבָא בְּתוֹלְדוֹת קוֹל אַרְיֵה).

אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אַ מוֹרָא'דִיגֶער מַתְמִיד, אָבֶּער נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, הָאט דִי וַוייבּ פוּן אִים פַארְלַאנְגְט עֶר זָאל אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, זִי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט גֵיין אַיינְקוֹיפְן, אוֹיפְהֶענְגֶען דִי וֶועשׁ, אָפְּשֵׁיילְן קַארְטָאפְל. אִיז עֶר אַרַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן גָאוֹן, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט? אִיךְ ווִיל דָאךְ שְׁטַייגְן אִין לֶערְנֶען! נָאכְדֶערְצוּ אַז דָאס אִיז אִיר אַרְבֶּעט?! אוּן דֶער רָב טְרַאכְט צוּ זִיךְ: עֶס אִיז דָאךְ טַאקֶע אַ מוֹרָא'דִיגֶע טַעְנָה. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם 'חַזוֹן אִישׁ', הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ בִּיטֶערְלֶעךְ גֶעוֵויין אַז עֶר הָאט אַפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן, הָאט דֶער רָב מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַארְן 'חַזוֹן אִישׁ' דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דֶער 'חַזוֹן אִישׁ' זִיצְט אָנְגֶעלַאנְט אוֹיף זַיין שְׁטֶעקְן אוּן שְׁמֵייכְלְט, נָאכְדֶעם רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: "אִיר קְלֶערְט אַוַדַאי פַארְוָואס אִיךְ לַאךְ... אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן: דֶער אִינְגֶערְמַאן הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען! וַוייל וֶוען עֶר הַאלְט וֶוען אֱמֶת'דִיג בַּיים לֶערְנֶען, וָואלְט זַיין וַוייבּ גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען, אוּן זִי וָואלְט אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט חָלִילָה, נָאר וִויבַּאלְד עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִין שְׁטוּבּ פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, מְמֵילָא אִיז זִי אִים מְכַבֵּד עֶר זָאל אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט".

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַז דֶער וַוייבּ זָאל שֶׁעצְן תּוֹרָה, אוּן טַאקֶע וֶועלְן אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען אִיז אַ עֶקְסְטֶערֶע זְכוּת, אָבֶּער אַפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן טָאג אוּן נַאכְט וֶועגְן דֶעם, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען זָאל זִיךְ גֶעטְ'ן חָלִילָה, נָאר אַז מֶען הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֵוייסְט מֶען, אַז מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַפִילוּ אַזוֹי אוֹיךְ, מֶען רֶעדְט צוּ דִי וַוייבּ פוּן זַאכְן וָואס זִי ווִיל הֶערְן, אוּן וֶוען מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס דִי וַוייבּ: מֶען הֶענְגְט דִי וֶועשׁ, מֶען שֵׁיילְט פָּאטֶעטָאס, מֶען גֵייט אַיינְקוֹיפְן, רֶעדְט מֶען דֶעמָאלְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער! וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם אֱמֶת'דִיגְן רָצוֹן, אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, קֶען עֶר פוּן יֶעדֶע גַשְׁמִיוּת מַאכְן רוּחְנִיוּת.

(קונטרס "זיי קלוג")



# דעם רבי'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 43

**פארזעצונג פון פריער:** נָאךְ פֶּסַח הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, אִין אִיסְטַאנְבּוּל הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר צֶען טֶעג. דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף צוּ פָאְרן פוּן אִיסְטַאנְבּוּל קַיין גַאלַאץ, עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת גְלַייךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן גַאלַאץ דוּרְכְ'ן שְׁטָאט יַאס. זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ דֶענִיעֶסְטֶער, אוּן דֶערְנָאךְ דֶעם טַייךְ בּוּג, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְקוּמֶען צוּם שְׁטָאט טֶעפְּלִיק אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ.

...

זוּנְטָאג, כ' סִיוָן, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ נִסָּיוֹן, וַוייל אִין דֶעם הוֹיז וואוּ דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ פוּן גְרוֹיסֶע שְׁמוּץ אוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דַאן מְלַמֵד זְכוּת גֶעוֶוען אוֹיף מֶענְטְשְׁן זָאגְנְדִיג, "זָאלְסְט וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועג וָואס מִיר גֵייעֶן אִיז נָאר גֶעוואוֹיר צוּ וֶוערְן אִיבֶּער דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וִוי גְרִינְג מְ'קֶען לֵיידֶער נִכְשָׁל וֶוערְן אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם".

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹי וֵויי! אַז סְ'אִיז דָא אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער אָנְגֶעגְרֵייט מַכְשִׁיל צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן מִיט נִאוּף רַחֲמָנָא לִיצְלָן".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט דָאס זַיין אַ טוֹבָה אַז מְ'הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל פוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֲבֵירוֹת אִין יֶענֶעם הוֹיז, אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט אוּמַאן, אִיז עֶר דוּרְכְגֶעפָארְן דִי שְׁטָאט קַאנִיבְלַאד, אוּן דָארְט הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ תַּלְמִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶער מַגִיד, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער מַגִיד אִיז דַאן גֶעוֶוען נָאנְט צוּם שְׁטָאט קַאנִיבְלַאד.

דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט הִתְרַגְשׁוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אַז עֶר זֶעט אַזוֹי פְלוּצְלִינְג דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֵיין מוֹדִיעַ זַיין פַארְ'ן מַגִיד שְׁטִילֶערְהֵייט אַז עֶר זָאל פָארְן צוּ אִים צוּ אַ דָארְף נָאנְט אַ הַאלְבֶּע פַּרְסָה צוּם דֶעם שְׁטָאט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְהַאלְטְן אוּן אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט.

דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעלָאפְן מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן מַגִיד אַז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן וִויל אִים זֶען. דֶער מַגִיד אִיז דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָן קַיין הוּט אוּן גַארְטְל, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָא, הָאט עֶר זִיךְ צוּשְׁרִיגְן פַאר גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, "לוֹיף שְׁנֶעל אוּן שְׁפַּאן אַיין מַיין וָואגְן, אוּן קוּם מִיר נָאךְ צוּ דֶעם דָארְף, אוּן דֶערְוַוייל וֶועל אִיךְ גֵיין צוּפִיס בִּיז צוּם רֶבִּי'ן!".

דֶער מַגִיד הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁטֵייט אוּן גֵייט, אָן זַיין הוּט אוּן גַארְטְל, בִּיז עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט, אוּן דָארְט אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעלָאפְן צוּפִיס בִּיז צוּם דָארְף, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין נָאךְ אֵיידֶער זַיין קַארֶעטֶע וָואס אִיז אִים נָאכְגֶעקוּמֶען, כָאטְשׁ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גָאר שְׁטֶעל אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְפָארְן דֶעם מַגִיד, הָאט עֶר אָבֶּער נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְיָאגְן דֶעם מַגִיד.



**א חלק פון די שטאטע שפאלע אין אוקריינא**

דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן חַיוּת וָואס דֶער מַגִיד הָאט גֶעהַאט בַּיים זִיךְ בַּאגֶעגֶענֶען מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

דִינְסְטָאג, כ"ב סִיוָן, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט שְׁפָּאלֶע, דָארְט הָאט עֶר גֶעטוֹישְׁט זַיינֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז דֶעמָאלְט זִיךְ גֶעקְלֵיידֶעט וִוי אַ סוֹחֵר וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט. מְ'הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לִכְבוֹדוֹ.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

# הפצה ווינקל




## בְּרִיוו

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ לֵייגְן גִּלְיוֹנוֹת יֶעדְן פְרַייטָאג אִין דִי שׁוּלְן פוּן מַיין גֶעגְנְט. אִיךְ דְרוּק עֶס בַּיי אַ לָאקַאלֶע בֵּית הַדְפוּס, אוּן עֶס קָאסְט מִיר גֶעלְט, וָויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג עֶס צָאלְן פוּן מַעֲשֵׂר גֶעלְט. אוֹיךְ טְרַאכְט אִיךְ צוּ קוֹיפְן אַ פְּרִינְטֶער צוּ קֶענֶען אַלֵיין עֶס דְרוּקְן, אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶס צָאלְן מִיט מַעֲשֵׂר גֶעלְט?

תְּשׁוּבָה מֵאֵת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה; דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט וֶועכְנְטְלִיךְ דִי גִּלְיוֹנוֹת אִין שׁוּלְ'ן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט הֲפָצָה אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז דֶער סִימָן אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְן [דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן]? אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער [אִידִישֶׁע קִינְדֶער]"; אַז מֶען גֵייט הֲפָצָה, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט פַאר אַ צְוֵוייטְן, מֶען וִויל נָאךְ אַ אִיד זָאל לֶעבְן אַ חַיִים טוֹבִים, נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן לֶערְנֶען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט לִיבּ אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אַז מֶען הָאט לִיבּ אַ צְוֵוייטְן אִיד וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַוַדַאי קֶענְסְטוּ נֶעמֶען מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר הֲפָצָה; פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר ה, לו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִים קיט, קמב): "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טוּן צְדָקָה עֶס זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג? דוּרְךְ 'וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת'; "עַל יְדֵי שֶׁנּוֹתְנִין צְדָקָה לְחַבֵּר סְפָרִים וּלְהָאִירָם בָּעוֹלָם לְבָאֵר דִּבְרֵי הַתּוֹרָה", אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סְפָרִים וָואס מַאכְן לִיכְטִיג דִי וֶועלְט, סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען; אַז מֶען דְרוּקְט וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת, דֶעמָאלְט אִיז צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים

## א מעשה פון הפצה

ישראל פוקס פארציילט:

איך האב געהאט א דזשאב אין א האטעל דא אין געגנט, און איינע פון די ארבעטער פרעגט מיר וואו איך וואוין, האב איך אים געזאגט אז איך וואוין אין ברסלב'ע שטעטל, פארציילט ער מיר, "בערך א וואך צוריק איז דא געווען א בחור א מפיץ, און ער האט מיר געגעבן די נייע בוך "מעשה'לעך פאר קינדערלעך", איך האב עס אהיים געברענגט ביי מיר אין שטוב, זייט דעמאלט, מיינע קינדער ווילן נישט גיין שלאפן ביינאכט פאר איך פארצייל זיי א מעשה פון די מעשה'לעך, עס ליגט דאך אין די מעשיות אזויפיל יראת שמים וואס איז געאייגענט פאר יעדן עלטער, בפרט פאר קינדער".

נאך א מעשה האב איך געהאט; פארנדיג אין די קעטסקילס האט מיר א בחור געפרעגט צו איך קען אים געבן א היטש, אימיטן וועג האט ער מיר פארציילט אז די וואך איז איינער געגאנגען הפצה אין זייער קעמפ, און ער האט אים געגעבן א קונטרס, ער האט געטראפן די עצה פון זאגן משניות יעדן טאג און זייט דעמאלט לערנט ער יעדן טאג משניות.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקנו!

שיקט אריין אייער מעשה צו 845-379-1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## לוח היכל הקודש תשפ"ג ארויס פון דרוק

פילע אידישע קונטרסים פריש איבערגעמאכט און ארוס פון דרוק.

צום ערשט קען מען נישט אויסלאזן צו רעדן פון דעם אויפגעכאפטן לוח היכל הקודש תשפ"ג אידיש און לשון הקודש וואס אזויפיל אידן באניצן זיך דערמיט אגאנץ יאר, און זענען זיך מחיה דערמיט, סיי לגבי דעם וואס עס שטייט יעדן טאג ארויסגעשריבן קלאר די שיעורים כסדרן, און סיי וויל עס האט גאר שיינע שטיקלעך התחזקות אויף יעדן דף, וואס דאס איז זייער מחיה דעם מענטש.

אויך איז ארויס פון דרוק אפאר קונטרסים פון סוכות וואס מען האלט שוין דארט אט אט, איין קונטרס איז "אין שאטן פון סוכה" "שמחת תורה" שאקלען לולב" "יום טוב סוכות", אויך איז ארויס פולע קונטרסים אויף ענגליש נייע און אלטע.

פאר א ארדער פון קונטרסים און ספרים קענט איר זיך מעלדן צו קרן הדפסה 718-387-2691

# בילדער פון קרן הדפסה




לוח ברסלב תשפ"ג אידיש און לשון קודש ארויס פון דרוק



פרישע אידישע און ענגלישע קונטרסים ארויס פון דרוק



די גרעסערע קלאס פון שטעטל חדר באזוכט אין בית הדפוס

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **יואל לאנדא**<br>קרית ברסלב | **אברהם אלי' פרידריך**<br>וויליאמסבורג | **יעקב דוב כהן**<br>קרית יואל |
| **מרדכי לייב טירנויער**<br>קרית יואל | **חיים דוד ראזענבערג**<br>מאנסי | **אלחנן רוטה**<br>וויליאמסבורג |
| **שמעיה וואקס**<br>לעיקוואוד | **שלמה רוטה**<br>קרית ברסלב | **יואל וועבערמאן**<br>קרית ברסלב |
| **אשר לעווי**<br>דזערזי סיטי | **יחזקאל קרויס**<br>בארא פארק | **הרוצה בעולם שמו**<br>לינדין |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** email: **donate@kerenhadfusa.org** whatsapp: **347.578.4449**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס מטות מסעי תשפ"ב

**שמשון צבי טייטלבוים נרו יאיר פארצייילט:** געלויבט דער אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע און הערליכע שבת'דיגע סעודה פרשת מטות מסעי מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול זייער פרייליך און געגריסט: "גוט שבת! גוט שבת!".

### זמירות שבת מיט א ברען

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען זמירות. ביי 'שבת שלום ומבורך' האט דער ראש ישיבה געזינגען: "הייליגער שבת, לעכטיגע שבת, זיסע שבת, האניג'דיגע שבת, גוטע שבת, צוקערדיגע שבת".

מען האט אנגעהויבן זינגען 'שלום עליכם', און ביי 'ריבון העולמים' האט זיך דער ראש ישיבה זייער צוקאכט, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען: "הייליגער באשעפער איך וויל זיין נאנט צו דיר, הייליגער באשעפער איך האב דיר אזוי ליב, הייליגער באשעפער איך וויל דיך שפירן", איך האב ממש געשפירט ווי איך ווער אויס!

דער ראש ישיבה האט אנגעטון די בעקיטשע פון זיין זיידן, און דאן זיך אנגערופן: "דריי זאכן האב איך באקומען פון מיין זיידע בירושה, די בעקיטשע, א גארטל, און א תיקוני זוהר. מיין זיידע האט מיך אויך אריינגעלייגט א געפיל אינעם רבי'ן, ער האט מיך גענומען די ערשטע מאל קיין אומאן." דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מיין בעסטע צייט אין די וואך איז שבת צופרי, מ'זיצט אין גן עדן און מ'לערנט זוהר".

### אויפהייבן די בעכער

דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער ס'וועט אויפהייבן די בעכער פאר קידוש, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו מיינע צוויי קינדער וואס האבן דארט געגעסן - משה יוסף און חיים טייטלבוים - אז היינט וועט משה יוסף אויפהייבן די בעכער און מארגן וועט חיים אויפהייבן די בעכער. משה יוסף האט געפרעגט אויב ער קען אויך אריין רוקן די בענקל, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יא. (שבת אינדערפרי האט חיים אויפגעהויבן די בעכער, אבער ער האט נישט געקענט אריין רוקן די בענקל ווייל שבת אינדערפרי זיצט מען ביי קידוש, האט זיך דער ראש ישיבה אויפגעשטעלט אז חיים זאל אויך קענען אריינרוקן די בענקל).

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געפרעגט מיין זוהן: "דו ווייסט ווער ס'האט מתקן געווען די זאך פון נטילת ידים? ער האט נישט געוויסט צו ענטפערן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "שלמה המלך". אויך די הלכות פון אן עירוב האט שלמה המלך מתקן געווען".

### זיך וואשן די הענט נאך די פיש

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די איניקליך פון הייליגן ישמח משה זי"ע פירן זיך צו וואשן די הענט נאך די פיש וועגן א מעשה פון דער הייליגער ישמח משה, דער הייליגער ישמח משה'ס זיידע האט אלץ מקפיד געווען זיך צו וואשן די הענט צווישן פיש און פלייש, עס איז געווען דעמאלט די צייטן פון שבתי צבי ימח שמו, און ער האט אנגעהויבן גיין צו שבתי צבי ימח שמו, זיין ווייב האט אים אמאל געפרעגט: "דו פלעגסט אלץ וואשן דיינע הענט צווישן פיש און פלייש, איך זעה אז לעצטנס האסטו אויפגעהערט זיך צו וואשן די הענט", יענע שבת האט ער זיך אויפגעשטעלט ברבים, און ער האט אויסגערופן: "אויב איז שבתי צבי פון די נישט גוטע זאל איך שטארבן, ווייל די תשובה פון א אפיקורס איז שטארבן", אויפן מינוט איז ער אראפגעפאלן, און ער איז נפטר געווארן. דעמאלט איז געווען די ערשטע סימן אז שבתי צבי איז פון די טמאה. פון דעם זעט מען די וויכטיגקייט פון זיך וואשן די הענט צווישן פיש און פלייש.

פון אנפאנג איז דער הייליגער ישמח משה נישט געווען קיין חסיד, ער האט אלץ געהאט א קשיא פארוואס די חסידים זענען אלץ פרייליך, זיי טרויערן קיינמאל נישט אויפ'ן חורבן? ווען ער איז אנגעקומען די ערשטע מאל

<<<<

צום הייליגן חוזה פון לובלין, האט דער חוזה אפגעליינט זיין קשיא, און אים געענטפערט: "די חסידים זענען אויך צובראכן פונעם חורבן, נאר פון אינדרויסן מאכן זיי זיך פריילעך". דער הייליגער ישמח משה האט זייער הנאה געהאט, סיי זיין קשיא איז פארענטפערט געווארן, און סיי אז דער הייליגער חוזה האט ממש אפגעליינט וואס ער טראכט.

### דער עיקר משיח זאל קומען

דער ראש ישיבה האט פארציילט נאך א מעשה פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע, אז ער האט זיך אמאל אויפגעשטעלט הושענא רבה און געזאגט: "איך בין גרייט מ'זאל מיך נעמען און פארברענען, און מ'זאל מיך צומאלן, און מיין שטויב זאל מען אויסשפרייטן אין די זיבן וואסערן פון אלע זיבן קאנטינענטן, אבי משיח זאל קומען!", דער ראש ישיבה האט מסביר געווען וואסערע מדריגה דער הייליגער ישמח משה איז געווען, אז ס'גייט אים גארנישט אן, פון מיר זאל גארנישט זיין, אבי משיח זאל קומען.

### אויר ארץ ישראל

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געוויזן וויאזוי מ'קלאטשט, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער רבי' זאגט אין ספר המידות אויב מ'פאטשט ברענגט מען אויף זיך אויר ארץ ישראל, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון זיינע קינדער: "ווען דו פאטשסט שפירסטו אויר ארץ ישראל?" האט ער געזאגט יא, האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "דו ביסט נאך קיינמאל נישט דארט געווען!" האט ער געזאגט: "איך שפיר טאקע גארנישט..." ס'איז געווען מורא'דיג פריילך.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "איך שעם מיך פון די טייטלבוים קינדער, זיי זיצן אזוי שיין און מיינע קינדער לויפן ארום!"

### נישט רעדן ביים דאווענען

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז א אינגערמאן א תלמיד פון ישיבה האט אים געפרעגט וואס ער זאל טון, אז לעצטנס האט ער אנגעהויבן גיין אין בית הכסא אפאר מאל א נאכט, ער ווייסט נישט וואס צו טון, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט ער זאל קוקן וואו זיין צוקער האלט. איז ער געגאנגען קוקן, האט זיך ארויסגעשטעלט גאר א שרעקעדיג בילד; א געווענליכער מענטש'ס צוקער איז בערך צווישן 80 און 120, און זיין צוקער איז געווען 600! ער איז גלייך אריין אין שפיטאל, און ער האט גערופן

דעם ראש ישיבה בעטן א ברכה, דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "אויב נעמסטו זיך פאר מער נישט צו רעדן ביים דאווענען זאג איך דיר צי א רפואה שלימה", און ער האט זיך פארגענומען מער נישט צו רעדן ביים דאווענען, א קורצע צייט שפעטער האט אים דער דאקטער געזאגט ער איז געזונט און שטארק און ער האט מער נישט קיין הויכע ציקער.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט אז די וואך האבן איינע פון די הצלה מעמבערס אין שטעטל געראטעוועט א קינד. ער איז אנגעקומען צו א שטוב וואס די בעבי האט זיך דערשטיקט, און גלייך האט ער אנגעהויבן מאכן סי-פי-אר, און דאס קינד האט צוריק אנגעהויבן אטעמען.

### א פרישע סידור

חיים מאיר ערפס נרו יאיר האט אוך געגעסן דארט די סעודה האט ער געפרעגט דער ראש ישיבה אויב מ'זאל שוין יעצט ארויסגעבן די צווייטע אלבום, ווייבאלד מ'האט ערשט יעצט ארויסגעגעבן די פריעדיגע אלבום, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אודאי' זאלסטו עס ארויסגעבן, די סידי'ס פון ישיבה זענען נישט קיין ניגונים, מיינע ניגונים איז א גאנצע שיעור אפגעזינגען.

ווען איך ארבעט אויף א זאך און איך זעה אז ס'פארט שוין, בין איך שוין נישט צופרידן מיט דעם, איך וויל שוין גלייך זעהן די קומענדיגע זאך. למשל, ווען איך האב געזונגען די ערשטע מאל די 'מעשה'לעך פאר קינדערלעך' בין איך נישט געווארן זאט פון דעם, איך וויל שוין זעהן מעשה'לעך פאר קינדערלעך נומער צען! אדער ווען איך פיר אויס א שידוך, יעדער איז פריילך חוץ איך, ביז די שידוך האב איך געטראכט 'ס'גייט זיין א שידוך', איינמאל די שידוך איז געענדיגט, טראכט איך שוין פון די קומענדיגע שידוך".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געזאגט פאר א אינגערמאן פון שטעטל וואס איז אויך פון די טאון באורד אין ליבערטי, אז ער זאל גיין צו די טאון באורד מיט א מאפע פון גאנץ ליבערטי און זיי זאגן: "מיר זעהן אז עטס ווילסט אונז נישט לאזן בויען ווייטער די שטעטל, דא האט עטס מאפע און זאגטס מיר וואו מיר קענען מאכן א נייע שטעטל..."

דאס איז נאר א קליין חלק פון די סעודה, איך האף אז פון דעם וועט מען קענען ארויס נעמען שיינע זאכן צו וויסן וויאזוי זיך צו פירן אינעם אייגענעם לעבן.

# נקודות טובות

געהערט פון **אנשי שלומינו**

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

**נתנאל אייזנער געבט איבער:**

ברוך השם איך בין יעצט זוכה צו חתונה מאכן מיין זון אין בית המדרש היכל הקודש וויליאמסבורג, און איך טראכט אז אפילו ווען די חתונות אין ישיבה וואלטן געקאסט הונדערט טויזנט דאלער - אזוי ווי א 'נארמאלע' חתונה וואלט זיך עס אויך אויסגעצאלט פאר יעדן פרייז, פאר די שכל וואס מ'באקומט דא אז מ'זאל לעבן פאר זיך און אזוי ווייטער. און פארקערט אויך, פאר א נארמאלע חתונה איז דאך א שאד צו צאלן, פארן לעבן פאר יענעם דארף מען נאך צאלן געלט?... דאס איז פשט וואס חז"ל זאגן 'עולם הפוך ראיתי' - ס'איז א פארקערטע וועלט...

ברוך השם אז דא אין היכל הקודש באקומט מען שכל ווי אזוי צו לעבן, ס'קאסט גארנישט, און מ'איז צופרידן וואס מ'האט.

**מרדכי לייב טירנויער געבט אונז איבער עטליכע שיינע נקודות:**

מען הערט יעדן טאג הערליכע שמועסן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, מען קען ארויסגעבן א בוך פון יעדן איינציגן טאג, איך וועל איבערגעבן אפאר נקודות וואס איך האב געהערט.

### נישט אלעס דארף מען הערן

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט זיך געמוטשעט מיט'ן הערן אויף דער עלטער, ווען די תלמידים האבן אים געפרעגט פארוואס טוט נישט דער רבי עפעס צו פועל'ן אין הימל אז דער רבי זאל בעסער הערן, האט דער הייליגער בעל התניא געענטפערט: "וואס איך האב צו זאגן, זאג איך, און וואס יענער זאגט פעלט נישט אויס איך זאל הערן".

### זיבעציג יאר א באל פליען, אדער שרייבן בריוון

דער ראש ישיבה האט געשריבן בריוון, עס האט אויסגעזען ווי דער ראש ישיבה וויל פארענטפערן זיינע מחשבות, אז עס איז א שאד די צייט, האט ער זיך אנגערופן: "די זיבעציג יאר גייט אריבער, דער עיקר איז אז עס זאל אריבערגיין מיט גוטע זאכן, ביי מיר גייט אריבער די יארן מיט שרייבן בריוו, און א צווייטער, זונטאג גייט ער שפילן גאלף (א מין שפיל וואס מען ווארפט א באל), און אנדערע פרייע צייט זיצט ער צוגעקלעבט צו די סקרין ער קוקט ווי א באל פליט, זיבעציג יאר האט ער געזען ווי די באל פליט אהין און צוריק און איך וועל האבן זיבעציג יאר געשריבן בריוון מחזק געווען אידישע".

### אוועקגעגעבן זיין בזיון פאר דעם פארשעמער

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז א בחור האט געהאט א שטארקע בזיון פון א צווייטער בחור, און דער בחור וואס איז פארשעמט געווארן, האט בשעת די בזיון אוועקגעגעבן די זכות פון די בזיון וואס ער האט באקומען פון יענעם בחור פאר דעם בחור וואס האט אים פארשעמט אז אין דעם זכות זאל יענער האבן א שידוך, דער ראש ישיבה האט שטארק מפליא געווען די גוט הארץ פון דעם בחור און געזאגט: "אזא זאך האב איך נאכנישט געהערט איינער פארשעמט דיך און די ביסט מתפלל פאר דעם וואס פארשעמט דיך".

## א מתפלל אין בית המדרש עצתו אמונה דערציילט:

איך האב זייער הנאה געהאט צו הערן דברי חיזוק פון ר' יואל מנחם גרשון שניטצלער נרו יאיר סיי נאך שחרית ביי סיפורי מעשיות און סיי ביי שלוש סעודות.

ער האט געזאגט א שיין ווארט: משנכנס אב ממעטין בשמחה, אב איז א לשון פון ווילן (מלשון ולא אבה ה' אלקיך וגו'), האט ער געזאגט אויב איינער וויל עס זאל גיין דוקא אזוי ווי ער טראכט, דאס מאכט אז א מענטש זאל נישט קענען זיין פרייליך, אויב קומט אריין אב, איך וויל, דעמאלטס וועסטו קיינמאל נישט קענען זיין פרייליך.

אזוי ווי דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן אז די ווארט אבי-מלך איז טייטש ער וויל קעניגן, זאגט דארט דער רבי פארוואס גייט א מענטש פארקערט ווי ער וויל, עס גייט אים שלא כסדר ווייל ער וויל עס זאל גיין דווקא ווי אזוי ער האט זיך אויסגע'משל'ט.

דער בעל שם טוב הקדוש האט געזאגט "וויל ווי אזוי עס איז וועט זיין ווי אזוי די ווילסט".

## אברהם מרדכי סאלי דערציילט:

עס איז מיר געווען א חידוש ווען איך האב געהערט דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט א וויכטיגע הלכה, אז ווען מען טובל'ט זיך שבת מעג מען נאר זיין אין די וואסער אויב מען טובל'ט זיך, אבער סתם זיך וויקן איז אסור וועגן רחיצה, און אויב מען וויל בלייבן לאנג אין וואסער זאל מען זיך האלטן אין איין טובל'ן.

נאך א גאר וויכטיגע הלכה האב איך געהערט וואס איך זע אז אסאך בחורים ווייסן נישט, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז א קעמל/בראש איז מוקצה מען טאר זיך נישט קעמען די פיאות אום שבת.

## נח הערש ווייס דערציילט:

איך האב געדאווענט אין בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל אויף העיס קארט, דארט האט ר' יואל פארקאש גערעדט שטארקע דיבורי התחזקות.

ער האט נאכגעזאגט א ווארט פון מוהרא"ש זי"ע, וואס איז די חילוק צווישן א מענטש וואס איז מקורב צו א צדיק אדער מקושר צו א צדיק.

איינער וואס איז מקורב צו א צדיק איז א מענטש וואס קומט צו א צדיק ער זעט אז דער צדיק זאגט שכל'דיגע זאכן און ער קומט הערן וויכטיגע זאכן אין לעבן.

די חסרון איז אבער אז ווען דער צדיק וועט זאגן עפעס א זאך וואס לויט זיין קאפ איז עס נישט פארשטענדליך וועט ער נישט פאלגן, אדער וועט ער אוועקגיין פונעם צדיק, און ער וועט פארלירן די זאך וואס דער צדיק האט אים געוואלט לערנען ווייל ער האט נישט פארשטאנען אז דאס איז א גוטע זאך.

מה שאין כן א מענטש וואס איז מקושר צו א צדיק, איך האב מיך צוגעבינדן צו דעם צדיק, נישט קיין חילוק צו עס איז שכל'דיג עס מאכט סענס אדער נישט, אזא מענטש באקומט אלע גוטע עצות פאר זיין לעבן, ווייל ער פאלגט דעם צדיק בלינדערהייט אפילו ער פארשטייט נישט פארוואס דאס איז וויכטיג.

שיקט אריין אייער נקודה צום רעדאקציע דורך
אריינרופן 845-979-1161
אדער דורך אימעיל
breslevofficeliberty@gmail.com




# דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

"גְיַוואלְד...! אוֹי וֵויי...! וָואס וֶועט זַיין...?!" זִי וֵויינְט גֶעפֶּערְלִיךְ... זִי שְׁרֵייט צוּ אִיר מַאן: "לוֹיף צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעט אַ בְּרָכָה; דָאס קִינְד אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ קְרַאנְק".

גֶעוֶוען אִיז דָאס דִי פְּרוֹי פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן. פַּאסִירְט אַמָאל אַז זֵייעֶר קִינְד הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, זִי זָאגְט פַאר אִיר מַאן: "לוֹיף צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעט אַ בְּרָכָה אַז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה".



"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט"

רֶבִּי שִׁמְעוֹן לוֹיפְט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר בֶּעט: "רֶבִּי, וואוּנְטְשְׁט אָן דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק", אָבֶּער דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶוערְט זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, עֶר בֶּעט נָאכְאַמָאל: "דֶער רֶבִּי זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה, דֶער רֶבִּי זָאל וואוּנְטְשְׁן אָז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה", אָבֶּער אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר, דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג. רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֵייט אַהֵיים זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר זָאגְט זַיין וַוייבּ: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט וואוּנְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט".

רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס וַוייבּ וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זִי נֶעמְט אַ תְּהִילִים אוּן הוֹיבְּט אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זִי וֵויינְט, זִי בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, הֶעלְף דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה"; עֶס וֶוערְט שׁוֹין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אַלֶע שְׁלָאפְן, אָבֶּער דִי מַאמֶע רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶעם קִינְד, זִי זָאגְט נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים אוּן נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים, זִי וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

אִינְדֶערְפְרִי, רֶבִּי שִׁמְעוֹן נֶעמְט זַיין טַלִית וּתְפִילִין, עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען מִיט'ן רֶבִּינְ'ס מִנְיָן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזֶען זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט נֶעכְטְן; וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר'ן קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אַ גְזֵירָה אַז דָאס קִינְד מוּז שְׁטַארְבְּן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דִי גְזֵירָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן, דַיין וַוייבּ הָאט מִיט אִירֶע תְּפִילוֹת גֶע'פּוֹעֶל'ט אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אוּן זִי הָאט מִיט אִירֶע תְּפִילוֹת גֶע'פּוֹעֶל'ט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן פַאר'ן קִינְד".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין נִגְזָר גֶעוָוארְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה, אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט תְּהִילִים - דְרֵייְדְט מֶען אִיבֶּער דִי גְזֵירָה.

# נאָך וועם הייס איך?

**איך הייס:** שמעון אינדארסקי נרו יאיר

**נאָך:** התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי

## אביסל איבער אים

ווען מען טאטע איז געווען א בחור איז ער געווען איין יאר ל"ג בעומר אין מירון, ער האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ביי רבי שמעון אז ער זאל א חתן ווערן, אויך האט ער צוגעזאגט ביים ציון אז ווען ער גייט אם ירצה השם חתונה האבן און האבן קינדער וועט ער א נאמען געבן "שמעון" נאך רבי שמעון בר יוחאי. און טאקע נאכדעם איז ער א חתן געווארן בשעה טובה ומצלחת, און חתונה געהאט.

שפעטער ווען איך בין געבוירן האט מען טאקע געהאלטן די צוזאג און מיר געגעבן א נאמען "שמעון" נאך דעם גרויסן צדיק רבי שמעון בר יוחאי.

ווען דער הייליגער רבי איז געווען אין ארץ ישראל איז ער געווען אין מירון פארשפארט ביים ציון פון רבי שמעון בר יוחאי א גאנצע נאכט און געטוהן דארט גרויסע עבודות, ער האט דארט זיכער גע'פועל'ט ישועות פאר אונז אלע עד סוף כל הדורות.

זיין גאנצע לעבן האט ער געלערנט תורה און ארויסגעגעבן אזא הייליגע זוהר וואס וועקט אויף דעם מענטש צום אייבערשטן ווען מען לערנט דאס.

איך האף אויסצוואקסן אזוי ווי דעם גרויסן צדיק.

**געשריבן דורך:**
*ר' יעקב משה אינדארסקי - קרית ברסלב*




**אויפן בילד:**
**"אין מירון ביי רבי שמעון בר יוחאי"**



# מעשה פון תפלה פאר קינדער

**מענדי מענדלאוויטש פון קרית ברסלב פארציילט:**
איך האב געדארפט פארן א ווייטע וועג קיין מאנהעטן צו א דענטיסט, איך קום דארט אן, און די דאקטער רופט זיך אן:



געמאלן דורך: מענדי מענדלאוויטש

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

באשעפער באניי מיר מיין הארץ,
איך וויל זיך צו דיר צוריקקערן,
איך וויל שוין א צדיק ווערן.

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | ל | מ | י | מ | י | ר | ע | מ | נ | ל | ק | פ | ז | א | ר | ה | ש | נ | ע | ט | י | ת |
| ג | ב | ז | נ | ר | ע | ק | ק | י | ר | ו | צ | ט | ר | נ | א | א | ל | א | י | כ | ד | ח |
| ח | ר | ח | ט | פ | צ | ג | ש | ס | ע | ט | ו | ד | ס | י | ד | ב | ג | כ | ח | ח | מ | מ |
| ר | ע | מ | ע | ה | ס | ק | ע | ל | י | צ | מ | ר | י | ס | ס | ד | פ | י | ל | ח | ט | ז |
| ר | ה | ש | ב | ש | מ | נ | י | ק | ו | מ | ז | נ | ס | ק | ק | ג | ע | ז | ל | ה | ש | נ |
| נ | א | מ | ד | ה | א | ש | ד | ל | ר | ו | א | ו | ל | י | ש | ח | ר | ש | ו | מ | ה | ר |
| ב | ר | ח | ס | א | ת | א | ק | ל | י | ב | ע | ה | ד | צ | ט | ש | ז | נ | ו | ו | ס | ה |
| ע | צ | ע | ק | ג | ל | כ | ח | ח | ק | א | ת | ר | ת | ש | ה | ג | ג | ז | ס | ב | י | ס |
| ז | ס | ר | פ | ע | נ | מ | ת | ל | ל | מ | ג | מ | נ | ח | ט | ה | ג | ס | ד | ר | א | ל |
| ס | צ | נ | ד | י | ו | צ | ש | ל | י | ע | ח | ע | ג | ק | ה | פ | ס | י | ת | פ | ל | ג |
| א | ס | נ | ו | ו | י | ל | ח | י | ז | ס | כ | נ | ב | ט | ק | פ | ר | ו | ת | ה | ע | ד |
| ל | י | ש | נ | ד | מ | י | נ | צ | ס | ז | פ | י | ס | ב | ר | ר | ל | נ | ר | ב | ז | נ |
| ע | פ | כ | ק | כ | ל | א | ג | ק | ר | א | ס | י | פ | י | ע | ג | כ | ס | כ | ה | ל | ז |

## העלף נחמן נתן זאגן תהלים









## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**לה.** עַל יְדֵי שֶׁקֶר בָּא לְנִאוּף, וּמַחֲזִיק יְדֵי מְרֵעִים, שֶׁלֹּא יַחְזְרוּ בִּתְשׁוּבָה.

**טייטש.** דוּרְכְ'ן זָאגְן לִיגְנְט, פַאלְט מֶען אַרַיין אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת,און מֶען הַאלְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן פוּן תְּשׁוּבָה טוּן.



## חידות אפטיילונג

**וואס איז די גרויסע שמחה פון חמשה עשר באב?**

א. דעמאלט קומט אראפ השפעות פאר אידן

ב. אין דעם טאג איז געווארן שידוכים

ג. אין דעם טאג הייבט זיך שוין אן די הייליגע טעג

ד. דעמאלט האט מען אנגעהויבן צוריק בויען די בית המקדש

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:*

*שאלה:* דער הייליגער רבי האט געזאגט: איך וועלן מאכן פון ענק

*ענטפער:* **כיתות כיתות**

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**עטי בלום - וויליאמסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| 2 | | | 1 | | |
| | | | | 6 | |
| | | 3 | 4 | | |
| | 3 | | | | 6 |
| | 4 | | | | 5 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 6 | | 7 | 1 | 5 | 3 | 8 | | 9 |
| | 8 | | 2 | | 7 | | 1 | |
| 5 | | | | 4 | | | | 2 |
| 7 | 6 | | | 2 | | | 9 | 1 |
| 9 | | 1 | 6 | | 4 | 2 | | 3 |
| 3 | 4 | | | 7 | | | 8 | 6 |
| 1 | | | | 3 | | | | 8 |
| | 9 | | 4 | | 8 | | 5 | |
| 8 | | 5 | 7 | 6 | 9 | 1 | | 4 |

# אַ רייזע מִיט פִישְׁל





געבראַכט צו
אייך דורך

# אנשי חיל

גענומען
מיט רשות פון
"קינדער שפיל"

2





פארזעצונג
קומענדיגע
וואך אי"ה

# קלאסיפייד'ס



פרנס החודש
היטיבה ה' לטובים ולישרים בלבותם
יעמוד על הברכה ידידנו הנכבד
מו"ה שמשון צבי טייטלבוים הי"ו
מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו
פאר די רענט פון
חודש אב
די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל איך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא
תשפ"ב
רענט קאמפיין




HURLEYVILLE
LEASING
Your dream car,
...just a phone call away!
sales@hurleyvilleleasing.com
www.hurleyvilleleasing.com
845-720-0041




KB HEALTH
גרויסע אויסוואהל פון
כשר'ע ווייטאמינ'ס
אייך צו האלטן פריש און געזונט
פאר יונג און אלט
We are here to help you choose the right vitamins.
The Zussman Family
845.293.0418
KBhealth18@gmail.com

# בילדער

## אפטיילונג







שחרית ראש חודש אב צוזאמען מיט די בחורים, און אויך מיט די קינדער פון קעמפ




ראש חודש סעודה צוזאמען




עס קומט אן פרישע פאפיר אין ירושלים צו דרוקן גליונות (פאריגע וואך איז אנגעקומען פאפיר צו דרוקן עצותו אמונה)




הרב אלחנן רוטה שליט"א לערנט פאר מסכת תענית




סיום הש"ס פון הבחור שמואל קלצקין נ"י צוזאמען מיט סיום משניות די 23'סטע מאל פון הבחור חיים איינשטיין נ"י אין היכל הקודש בני ברק




שיעור ליל ששי מטות מסעי אין שטעטל




הערליך איבערגעסקרעפט די היכל הישיבה אין
וויליאמסבורג יעצט ווען עס איז נישט אין באניץ




נאכט אקטיוועטי אין אינגל קעמפ







עס ווערט פארטיילט פרישע עסן פאר אלע משפחות אין
שטעטל יעצט אין די זומער טעג



געשמאקע געבעקסן מיט'ן ברסלב'ן קרוין געמאכט אין
בית פיגא שטעטל סקול




הערליכע פאנאראמע פונעם זון אינטערגאנג ביים גרויסן
שטח אויף רעדקליף




מען קלאגט אויפ'ן גרויסן גלות - תשעה באב תשפ"ב

# בילדער ארכיוון

## באזוך פון מוהרא"ש זי"ע אין מחנה היכל הקודש, ט"ו באב תשע"א

קרעדיט: יעקב פיש



מען ווארט אפ מוהרא"ש אויף די פארטש פון בית המדרש



מוהרא"ש זי"ע קומט אן אין קעמפ



מען דאווענט מנחה פאר די סעודה



אין א שמועס מיט'ן ראש ישיבה שליט"א



מוהרא"ש זי"ע ביים משמיע זיין דברות קודש



אייזיק ווייס נרו יאיר ווייזט פאר מוהרא"ש זיינע סיומים

**יואל רוטה**
ר״מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע״א

**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

בס״ד

ו׳ אב התשפ״ב

לכבוד אנ״ש הי״ו

מיר אלע ווייסן פון די גרויסע טובות פונ׳ם "בית התבשיל" אין קרית ברסלב ליבערטי וואס ווערט אנגעפירט דורך ר׳ שלמה יאקאבאוויטש נ״י, דינענדיג משפחות באקומען עסן, די בית התבשיל פארטיגט שווערע טויזענטער דולערס יעדן וואך, ובפרט לכבוד פארטיגט מען עסן פאר די גאנצע שטעטל.

על כן בעט איך אייך אלע נעמען א חלק אין די גרויסע מצווה, זייט אייך משתתף ביי די מסיבה וואס ווערט פארקומען זונטאג פרשת עקב אין שטוב פון הגה״ח הנ״ל ובזכות המצווה זאלט איר זוכה זיין צו ברכות וישועות און צו א גוט געבענטש יאר אמן

יואל רוטה

בית התבשיל צווי ווערטער, אבער וויפיל ווערטער מען וועט רעדן איבער דעם וועט נישט זיין גענוג. ווען אונטער די צווי אומשילדיגע ווערטער ליגט א גאנצע וועלט, א וועלט פון חסד, א וועלט פון גמילות חסדים. א לייכט זויל וואס פארשפרייט א שיין אין די גאנצע קהילה.

איינע פון די שענסטע רינגעלעך אין די גאלדענע קייט פון חסד וואס אונזער קהלה איז ב"ה באשאנקען געווארן איז בלי ספק די מאסיווע פאריעקט פונעם "בית התבשיל", אין אמת'ן אריין איז די נאמען בית התבשיל נישט די פאסיגע נאמען פאר די אקטיוויטעטן וואס גייט ארויס פון אונטער די צווי ווערטער בית התבשיל ווייל ס'איז נישט בלויז א בית התבשיל ווי מען גיט צועסן פאר מענטשן, נאר עס איז אסאך אסאך מער פון דעם.

"בית התבשיל" איז אמאל געווען א זאך וואס איז נוגע געווען בפרטיות פאר עטליכע פון אסאך, אבער, דא ביי אונז אין קהלה איז עס על הכלל כולו יצא יעדער איינער האט הנאה דערפון.

די אונטערנעמונג פונעם בית התבשיל איז דירעקט נישט קיין גרינגע זאך, בלויז די פאקט אז אין די לעצטע פאר וואכן פון נאך פסח האט בית התבשיל שוין אויסגעטיילט און גראסערי די סומע פון $50,000 איז שוין גענוג ארויסצוברענגען די שווערע עול וואס ליגט אויף אונזערע פלייצעס.

די בית התבשיל איז ווי א שירעם וואס נעמט אריין אונטער זיך יעדע זאך וואס האט צו טון מיט חסד, יעדע זאך וואס קען ארויסהעלפן אנשי שלומינו.

"בית התבשיל" שפארט פאר אנשי שלומינו מדי שבת בשבתו יעדע איינציגע שבת שווערע געלטער פאר מאכלי שבת

"בית התבשיל" האט בלויז פאריאר אין די איין קאליביגע יאר אויסגעטיילט עסן וכו' אין די ווערט פון 250,000! עס איז א ציפער וואס הערט זיך ווי א גוזמא אבער יא! ס'איז א מציאות.

אבער לאמיר גיין אביסל ווייטער, די פסח חלוקה אליינס האט אפגעשפארט איבער $75,000 פאר אנ"ש. וואס דאס איז חוץ די חלוקה וואס בית התבשיל שטעלט צו פאר א יעדע יו"ט.

"בית התבשיל" שטעלט צו מדי שבת בשבתו קאלטע וואסער פאר אנשי שלומינו בשעת'ן זיך שלעפן אין די היצן זיך שופך שיח צו זיין פאר'ן הייליגע באשעפער דאס קאסט אפ $10,000 א יאר, אזוי נישט מיר נישט דיר א פראיעקט וואס געהערט בכלל נישט צו א "בית התבשיל" האט מען אויך אריינגענומען אין אונזער באן פון גמילות חסדים.

די עול צו טראגן איז אומבאשרייבליך שווער, אבער צו זעהן די לעכטיגע שמייכליך פון אנשי שלומינו איז אלעס ווערד, וויפיל מאל האב מיר שוין געדארפט אויסבארגען געלט בלויז זיכער צו מאכן די עקזיסטענץ פונם הייליגע ארגעניזאציע!

## מאכט אייך צו די אויגן פאר א מינוט און טראכט וויאזוי ס'וועט אויסקוקן אונזער הייליג קהילה אן קיין בית התבשיל...

עס ווערט געברענגט פון די הייליגע חפץ חיים אז א בריק שטייט אויף זוילן וואס שטעקן זיך אריין ביז אונטער די וואסער, אויב עס איז נישט דא קיין זוילן איז נישט דא קיין בריק. זאגט די חפץ חיים די זעלבע איז ביי גמילות חסדים, חסד איז א בריק, די כח האחדות זענען די זוילן, די פונדעמענט, די איינציגסטע וועג אז עס זאל קענען זיין גמילות חסדים, איז נאר מיט א כח האחדות, ווען יעדער איינער העלפט צו דערצו.

ב"ה צו די הנאה פון אנשי שלומינו גייען מיר שוין אן פאר איבער 4 יאר, ווען יעדער איינער האט הנאה אדער פון די חלוקה'ס אדער פון די אנדערע פראיעקטן. אבער יעצט זענען מיר געקומען צו א מצב אז מיר קען שוין נישט מער און מיר ווענדן זיך צו די ווארעמע הערצער פון אנשי שלומינו, מאכט אייך צו די אויגן פאר א מינוט און טראכט וויאזוי ס'וואלט אויסגעקוקט אונזער הייליג קהילה אן קיין בית התבשיל, נישטא קיין חלוקות, נישטא קיין וואסער זיך שלעפנדיג אין די היצן צום ביהמ"ד, נישטא גארנישט.

ע"כ וויז יעצט ארויס דיין הכרת הטוב צו די הייליגע אונטערנעמונג, און העלף אונז אנצוקומען צום ציל פון $75,000. זיי דיר משתתף מיט די כח הרבים וואס וועלן צוזאמען פארזיכערן די עקזיסטענץ פון די בית התבשיל און נאר מיט די כח האחדות וועלן מיר עס טאקע באוויזן. ובזכות זה זאל דיר דער אייבערשטער בענטשן מיט אלע גוטע זאכן.

העפליכע איינלאדענונג

★ ★ ★ ★ ★ ★ ★ ★

צו א קאלירפולע פארברענג וואס איר ווילט נישט פארפאסן צו בענעפיטירן דעם וואוילטעטיגן בית התבשיל וואס שטייט שטענדיג גרייט מיט אירע ברייטפארצווייגטע אקטיוויטעטן במשך דעם גאנצען יאר ארויסצוהעלפן יעדן יחיד, און עס מוז דרינגענד געשאפן ווערן דעם סכום פון פינף און זיבעציג אלפים צו העלפן אז די עסקנים זאלן קענען ווייטער אנגיין מיט זייער עבודת הקודש. עס איז דעריבער ארגענזירט געווארן א

# רייכער באנקעט

## דעם קומענדיגן זונטאג עקב

Aug 14

א פארברענג
מיטן
ראש ישיבה
וועט נאכפאלגן

א מתנה
וועט פארטיילט
פאר אלע
באטייליגטע

## ★ביים בית התבשיל★

136 Denman Rd.

א ברייטער נאכטמאל וועט סערווירט ווערן